# ווילנע ירושלים דליטע

## פאר די טויערן פון ווילנא

וועז איר וועט קומען פאר די טויערן פון ווילנא
און ס׳וועט נישט זיין קיין ייד דארט אייך אנטקעגנצוגיין,
פון זיין קבר ארויס ס׳וועט אויפשטיין דער גאון,
מיט ברויט און מיט זאלץ אייך מקבל־פנים צו זיין.

די זילבערנע טאץ מיט פרישגעבאקענעם ברויט
וועט ער טראגן אין זיינע ליכטיקע הענט די זון,
„דאס זאלץ פון דער ערד״ וועט זיין אינם זאלץ־מעסטעל,
ס׳ברויט צו טונקן איידער איר וועט טועם זיין דערפון.

ווייל אין קברים ס׳איז קיין ספר־תורה נישטא,
וועט א שר התורה אליין אייך אנטקעגנגיין!
און ווייל פון אזא מויל די ברכה איבער אייך,
וועט אייער מלכות אויף דער ערד אויף אייביק באשטיין!

יענער אבער, וואס וועט די ברכה דערהערן,
מיט אייגענע טרערן וועט ער באזאלצן דאס ברויט,
און אין זיין הילכנדיקן שריט אין שטאט אריין
וועט עס קריצן: „שן תחת שן״ — א טויט פאר א טויט!

## א ווילנער רויט-ארמייער

דא איז געווען דעם גאונס געפאקטע קלויז,
א שטיק פונם פאליש ס׳איז נאך צו זען,
און דארט אין יענעם געבליבענעם קעלער,
ס׳איז דער משפט איבער פאן וואל געווען.

הערש לעקערט! ווען מאמע האט פון אים דערציילט,
האבן פייערלעך געגלאנצט אין איר בליק!
איז געבליבן שטיין א רויטער ארמייער,
ארום זיין האלדז ס׳וואלט זיך געקניפט א שטריק —

שונאים און די שונאים פון דער גארער מענטשהייט, עד חרמה! אויף די חורבות, וואס זיי לאזן נאך זיך, וועלן צוריק אויפגעבויט ווערן אונדזערע ישובים, וועלן צוריק אויפבליען אונדזערע פארוויסטע מקומות — די יידישע גוערילעס, אנגעשלאסענע אין דער רויטער ארמיי, צוזאם מיט אונדזערע יידישע ברידער אין דער גלאררייכער רויטע ארמיי זיינען די גאראנטיע דערפאר!

צוריק אויפבליען פון זייערע חורבות און מאסן־קברים וועלן אונדזערע לעבעדיקע און ארבעטזאמע שטעט און שטעטלעך, צוריק אויפשטיין צו נייעם אקטיוון שאפן און גייסטיקע טעטיקייט אויף אלע געביטן פון יידישע און מענטשלעכער קולטור און צו יעדער נוצלעכער פראדוקציע. די שטעקן געבליבענע ווארצלען פון אונדזערע אפגעהאקטע לעבנס וועלן זיך צוריק פאנאנדערוואקסן אין שטארקע שטאמען און אין זאפטיקע בליענדיקע דורות.

מיר דא, וואס זיינען פארבונדן מיט לייב און נפש מיטן יידישן פיזישן און גייסטיקן לעבן פון אונדזערע ברידער, שיקן אונדזער באגייסטערונג צו די העלדן פון דער רויטער־ארמיי און צו די אנשליסנדיקע גוערילעס פון אלע באפרייטע שטעט און שטעטלעך, מיר שיקן זיי אונדזערע ברכות פון די טיפענישן פון אונדזערע הערצער, און מיר האפן אויף די באלדיקע זכיה און זכות צו זיין פארבונדן באלד אין געמיינזאמער ארבעט פארן קיום פונעם באפרייטן יידישן פאלק און פון א באפרייטער מענטשהייט, און צוזאמען בויען אן ערלעכע און געהייליקטע קולטור, וואס פארבינדט אלע פעלקער אין איין משפחה פון פריינטלעכע ברידער.

פריינט פון יידיש־לשון.

לאנדאן, דעם 30־טן יולי, 1944.

פערלאג און דרוקעריי י. נאראדיצקי און זין, 129, קאוועל סט., לאנדאן, א.1.

ניין, נישט הערש לעקערט פאַר צענדליקער יאָרן,
אים אַליין איצט מ׳וואָלט אויף תליה געהענגט :
„מאַמע מיינע !“ רינען הייס זיינע טרערן,
„דאָס פאַרשמיסענע ווילנע וועט נישט זיין געשענקט !“

און אין ווינקל געבליבן פונם פּאַליש,
ווו מיט זיין טאַטן ער פלעגט שטיין אלץ קינד,
האָבן צוויי אויפגעפלאַמטע נשמה־ליכט
זיינע אויגן זיך געטון אַ צעצינד.

## ירושלים דליטא

איבער קמצא און בר קמצא,
איז חרוב געוואָרן ירושלים — —
און איבער שנאה צו יידן,
איז דאָס־אָ פון אייראָפּע דער שריים — —

אָן הענט און אָן פיס און בלינדע,
דאָס וואָס פון דיין יוגנט ס׳וועט איבערבלייבן !
ווייל מיט אונזער פאַרגאָסן בלוט,
גרייט געווען דעם טייוול זיך צו פאַרשרייבן.

ווי גלייכגילטיק זיך צוגעקוקט,
ווען מ׳האָט אונדז געקוילעט און אויסגעראָטן,
אין גאַז־קאַמערן געטריבן,
לעבעדיקערהייט אין קברים פאַרשאָטן.

אַ ברידער־קבר, אייראָפּע,
אונטער אירע וויסטעניש באַגראָבן !
און ס׳פלאַטערן שוין די ראָבאָטס —
איבער נבילות קראַקעדיקע ראָבן !

נישט קיין טרייסט איז עס -- נקמה :
אָ, ווילנע, ירושלים־דליטע,
נישט נאָר פאַר אונדזערע טויטע —
פאַרן מת, אייראָפּע, ביזט דו די מיטה !

און האָט מען נישט צעשטערט ביתר,
איבער אַ בלויסן דישל פון אַ וואָגן ?



אַ שטורם איבער דיינע שטעט,
וועלן זיך אייביק שווערע טאַנקן טראָגן,

און דיין מי פון דורות גאַנצע
מיט די וואָרצלען אויסראָטן און צעשטערן,
ביז דער אומזיסטער האַס צו אונדז
אויף אייביק אין דיר פאַרטיליקט וועט ווערן.

## ווילנע

אַ ירושלים של מעלה אויף דער ערד,
דאָס איז געוועזן פאַר אונדז ווילנע די שטאָט ;
דער גייסט נאָך פון גאון געשוועבט האָט איבער איר,
מיט עקשנות, הייליקער און מיט גענאָד.

די פשטות פון אַ ווילנער בית־מדרש יידן,
איבער אַ שטיקל „בעל עקידה“ פאַרקלערט :
די וועלט מיט איר גראָרער האַרבקייט ר׳איז זיך מסביר,
אין דעם מענטשנס טון אויף דער זינדיקער ערד.

מיט זיינע טשוועקעס אין זויל אַריין שלאָגנדיק,
חזרט אַ שוסטער אַ „חיי־אדם“ דין — —
און זיין געזעל אַנ—סקיס „שבועה“ צוזינגענדיק,
איז מטעים פון אמתן לעבן דעם זין.

און עפּעס אַ בחור אין „ייוואָ“ זיצנדיק,
איבער אַ כתב־יד פון אייזיק מאיר דיק,
אַ פינטעלע אונטער אַ ייד נישט צו פאַרזען,
יעדער קונציקער צוק פילט אים אָן מיט גליק.

דאָ נאָך האָב איך געטראָפן אַ ווילנער גלעזער,
זיין גאַנצע שטאָט געטראָגן האָט ער אויף זיך !
דערזעענדיק אים, פלעג איך אים מוזן נאָכגיין,
און געדאַכט האָט זיך, כ׳גיי נאָך טריט פון משיח — — —
— — — — — — — — — — — — — — — —

אַ ירושלים של מעלה אויף דער ערד,
דאָס איז געוועזן פאַר אונדז ווילנע די שטאָט !
און אין אונדזערע הערצער, אַ געהייליקטע,
בלייבן זי וועט אַזוי לעולם ועד.

## געווידמעט „יונג ווילנע"

אַז צעשטערט ס'זיינען דיינע קלויזן, דיינע ביבליאָטעקן,
און איבער דיינע הייליקייטן געלאַכט ס'האָט דער שענדער,
נישט גערירט פון אָרט, אָבער, געבליבן שטיין ס'איז דער גאון,
ווי געשטאַנען אין טלית און תפילין ר'איז ביי זיין שטענדער.

און ווי ער, אויף קיין נקודות־אות נישט מותר צו זיין,
אַלצדינג אין זיך — אויף אַ יריעה אויף אייביק פאַרשריבן!
פונקט אַזוי אָפּצוהיטן אונזערע הייליקע אוצרות,
זיינען דיינע זין איצט אין די ווייטסטע לענדער פאַרטריבן.

אָ, ווי זיי וועלן דאָס צוריקקערן, דיין ערד־קושנדיקן,
און דיינע חורבות אין פּאַלאַצן צוריק צו פאַרבייטן,
און מיט רויט־אַרמייאישע נצחון־לידער, צעהילכטע,
אויסצוזינגען אונדזער ליד פאַר די קומנדיקע צייטן.

ווי זיי האָבן דאָס געזאַמעלט דאַצו די קלאָרסטע ווערטער,
ווי פּערל זיי צוזאַמענגעזוכט און זיי צונויפגעקליבן,
דורך הערצער אייגענע זיי געלעכערט און אויפגעצויגן,
און אין זיך ווי אויף יריעות אויף אייביק זיי פאַרשריבן.

## ר אַ ב אַ ט ס

אַז טויזנטער מענטשן אין גאַז־קאַמערן געטריבן,
וואָס איז שוין אַ „ראָבאָט" וואָס פאַלט דאָ אַראָפּ?
קעגן אַ ים פון צרות, פון שרעק און פון פּיין,
אַן אַראָפּטריפנדיקער איינציקער טראָפּ — —

און אַז יעדע רגע ס'קאָן פאַלן איבער קאָפּ,
און דער מינדסטער גלאָז־שפּליטער קאָן מאַכן בלינד,
אָבער אַ מאַמע קאָן זיך אויף דר'ערד דאָך וואַרפן
און מיט איר קערפּער אָפּראַטעווען איר קינד — — —

אָ, טויזנטער מענטשן אין קברים געטריבן,
באַגראָבן צו ווערן לעבעדיקערהייט,
און אין מיילכל פון קינד שטאָפּט מאַמע איר בריסט,
שטאַרבנדיק זי הערט איר קינד כאָרכלדיק שרייט —
— — — — — — — — — — — — — — — —



יאָ, אַז פאָרשטעלן מיר זאָלן זיך כאָטש קענען,
דעם שרעק און דעם צער אויף אַ טויזנטסטל טייל,
ליגן מיר איצט דאָ אין די שעלטער פאַרקראָכן,
צו ציילן ראָבאָטס וואָס פאַלן יעדע ווייל.

## א ראבאט - סאנעט

ווען אין מיטן זיין ווילדן געברום,
ער בלייבט שטיין אויבן איבערן קאָפּ,
ס'האַרץ אויף אַ רגע שטעלט זיך מיט אָפּ,
און פאַרשוויגן דער גאַנצער אַרום.

קאָן עס דען אויפרייסן אומעטום?
און צוזאַמ מיט דעם דערהערטן קלאַפּ,
גייט ס'האַרץ ווידער אין ווילדן גאַלאָפּ,
און יעטוועדע פליג מיט איר געזשום,

עס דאַכט זיך אויס אַ ראָבאָט קומט אָן;
יאָ, אין סוף־זומער אַ זלידנע פליג,
דאָס איז ער איצט אין די טעג פון זיג,

פול די אויערן בלויז נאָר ער זומט אָן,
טויט ערגעץ־ווו צו בלייבן קלעפּן — — —
ווי ס'ווילט זיך דעם זיג מיטדערלעבן.

## ת ש ע ה ב א ב

(די באַלאַדע פון חוזה'ס פּטירה *)

דער קאָזניצער האָט צומאָל נישט געענטפערט!
און נישט ווי משיחן קעגנצוגיין,
איז דער פשיסכער הכנעהדיק געקומען;
טאָ וואָס קאָן ער שוין טון איינער אַליין —

אַ פויליש ווערטל אים כאָטש צוצוואַרפן,
איז דעם קאָזניצער געווען אַ שאָד!

---

* די חסידישע מסורה דערציילט, אַז דעם חוזה־מלובלין איז נישט געלונגן צו ברענגן משיח'ן, ווייל דער קאָזיניצער מגיד און דער „ייד הקדוש" פון פשיסכע, האָבן נישט אין עפּעס אינגאַנצן איינגעשטימט מיט אים, און ער איז פון גרויס צער נסתלק געוואָרן אין דעם יאָר אין תשעה באב.

אָון מיט הכנעה דערלייזט מען נישט קיין וועלט,
מוז מען שוין וואַרטן אויף רחמים און גנאַד — —

און אינמיטן קינות אויף דר׳ערד זיצנדיק
אין זיין ביטערסטן צער איז עס געשען:
„גאָט, אַז די גאולה איך קאָן נישט ברענגען,
די חבלי־של משיח לאָז מיך כאָטש זען!

„לייקענען חס־ושלום כ׳וועל נאָך אין אַלץ,
אַז דו וועסט נישט טון איצט מיין לעצטן וויל״.
אויפגעהויבן די אויגן ס׳האָט דער חוזה
און ס׳גאַנצע בית־מדרש פאַרגליווערט שטיל — — —

גאָט אַרויסגענומען האָט די שטאָט לובלין
און געוויזן אים ווי זי וועט אויסזען,
און אין די טעג אײדער משיח וועט קומען,
וואָס אין איר מיט די יידן ס׳וועט געשען — — —

איז ער געבליבן מיט פאַרגלייזטע אויגן,
זיצן אַזוי מיט דער קינה אין דער האַנט — —
„זאָל ער נישט קומען!!״ האָט ער זיך צעשריגן,
פאַלנדיק טויט איבער דער מזרח־וואַנט —
— — — — — — — — — — — — — — — —

האָט זיך דער ייד הקדוש ווילד אויפגעכאַפּט,
אינמיטן זיין „אלי ציון״־געוויין:
אַ, וואָס פאַר אַ דערלייזונג ס׳וועט דאָס זיין,
אַז אַזוי גרויס די חבלי־משיח פיין — — —

א. נ. שטענצל

## הרב דוב וואַרשאַווסקי

## „איינער פון א שטאט און צוויי פון א משפחה״

(צום היינטיקן חורבן)

„...און יידישע מוטערס מיט זויג־קינדער אויף די הענט האָבן געבלאָנקעט וואַנזיניקע, אויסגעשעפּטע פון כוחות, איבער די גאַסן צו זוכן עפּעס מיט וואָס צו שטילן זייער הונגער, אָבער איינציקוויז זיינען זיי צעפאַלן ווי די פליגן אין אָנמאַכט און איבער זייערע קערפּערס האָבן אַרומגעקראָכן די עופהלעך, וועלכע האָבן געצויגן די טרוקענע ברוסטן און אויסגעגאַנגען ביי די טויטע גופים פון זייערע מוטערס . . .



„און ווען דער שונא האָט זיך אַריינגעריסן אין שטאָט האָט ער געזייט טויט און צושטערונג אויף אַלע זייטן. טויזנטער און טויזנטער יידישע מענער, פרויען און קינדער זיינען געפאַלן צעשטאָכן און צעשאָכטן. אין איין טאָל זיינען אויסגעהרגעט געוואָרן 2,110,000 יידן, און אויף איין שטיין האָט דער שונא אויסגעשאָכטן 940,000 יידישע קינדער און זייער בלוט האָט געשטראָמט טייכנוויז און אָנגעטרונקען די ערד... פיעל מער טויזנטער זיינען גענומען געוואָרן געפאַנגען און געוואָרן געטריבן ווי שאָף אַלס שקלאַפן צום שונאס לאַנד. הונגעריקע, נאַקעטע, מיט די הענט געבונדן אויף הינטן, אַנדערע געשמידט אין קייטן מיט זעק זאַמד אויף די פלייצעס האָבן זיי, די אומגליקלעכע, קוים געשלעפּט זייערע מידע פיס, ווערנדיק אַלעמאָל אונטערגעטריבן מיט די בייטשן פון די סאָטראַפּן. פאָטערס האָבן געבליקט ווי זייערע שוואַכע פרויען און יינגעטשקע קינדערלעך ברעכן זיך אונטער דער שווערער משא פון די זעק זאַמד און האָבן נאַס געמאַכט די ערד מיט זייערע טרערן....

„איין פאָטער, מוטער און זייער איינציקער אײדעלער יונגער זון זיינען מידע, אויסגעשעפּטע אַרויסגעפאַלן פון די רייען, שוין ניט געקענט שטעלן ווייטער אַ פוס. די רוצחים האָבן דאַן גענומען דעם פאַרחלשטן קינד אַריינגעלייגט אין שויס פון זיין מוטער און געהייסן דעם פאָטער ער זאָל אים שעכטן. דער פאָטער נאַטירלעך האָט זיך קעגנגעשטעלט. די מערדער האָבן דאַן דעם פאָטער אָנגעטאָן ענויים קשים און צום סוף האָבן זיי געשאָכטן דעם קינד אין שויס פון זיין מוטער און די מוטער געקוילעט אין שויס פון זינען־געריירטן פאָטער״...

אָט דאָס איז אַ פראַגמענט פון דעם אַלטן „שוואַרצן־בוך״ פון דעם חורבן. מ׳קען גאַנץ זיכער נעמען די בלעטער פון דעם אַלטן שוואַרצן בוך און אַריינגייען זיי אין דעם נייעם שוואַרצן בוך פון היינטיקן חורבן. עס זיינען די זעלבע מערדער און די זעלבע אכזריותן, מער ניט, די מעטאָדן, די מיטלען פון שעכטן האָבן זיך געביטן, היינט ווערט דאָס געמאַכט מיט חכמה, וויסנשאַפטלעך, מיט ציוויליזירטע מיטלען.

טויזנטער יאָרן פון אונגעהויערע אַרבעט און פלייס אויף די געביטן פון קונסט און חכמה, קולטור און ציוויליזאַציע האָבן גענדאַרפט אָפּלויפן, כדי מיר זאָלן קענען צושטעלן דער וועלט אַ נייעם שוואַרצן־בוך אַלס אַטעסטאַט פון איר עקזאַמען און אויפירונג וואָס אונטערשייד זיך מיט גאָרנישט פון יענע אכזריותן און מערדערייען וואָס האָבן באַגאַנגען גאָר אַמאָל די ווילדע פּאַגאַניסטן (געצנדינער), די באַבליאַנער.

אונזער היינטיקער חורבן איז ניט קיין נייער, ער איז אַ פאָרטזעצונג פון ערשטן און צווייטן חורבן; אָדער בעסער געזאָגט, דער אַמאַליקער חורבן האָט גאָר קיינמאָל ניט אויפגעהערט. די טיטוסעס גייען אָן מיט זייערע שחיטות און דאָס איינציקע וואָס מיר טוען, איז, אָנצושרייבן אַ נייעם שוואַרצן בוך, אַ נייע מגילת איכה. און הגם אין געוויסער מאָסן זיינען די אכזריותן און

די געוואַלד־טאַטן היינט פיל שרעקלעכער פון אַמאָל, דאָך, דעם שליסל צו די סיבות פון אונזערע חרבנות מוזן מיר זוכן אין דער אַלטער מגילת איכה.

כאַראַקטעריסטיש איז די פאָלגנדע טראַגישע אגדה: „אַלס קליין קינד האָט אים זיין פאָטער איבערגעלאָזט צו זיין מוטער. יעדן טאָג פלעגט די מוטער מעסטן און וועגן איר קינד און אוועקשענקן די זעלבע וואָג און גאָלד צום בית המקדש. און ווען דער שונא האָט באַלאַגערט די שטאָט, האָט די מוטער צושניטן („טבחתו״, דאָס קינד איז מן הסתם געשטאָרבן פון הונגער.—ד.וו.) איר קינד און אויפגעגעסן זיין פלייש... אויף דעם קלאָגט ירמיהו הנביא: אָ, גאָט ווי איז מעגלעך אַז פרויען זאָלן עסן דאָס פרוכט פון זייער האַרץ!? און דער רוח הקודש ענטפערט אים, ווי איז עס מעגלעך אַז מ׳זאָל טויטן אַ כהן און נביא אין בית המקדש! . . . . (יומא ל״ח).

דאָס גאַנצע לעבן, דאָס גאַנצע עקזיסטענץ פון דער וועלט דרייט זיך אַרום דעם קינד, וועלכער איז דער אָביעקט, וואָס האַלט דער וועלט אין טראַנס. אַ פאָטער, אַ מוטער וועלן טון אַלץ, אפילו דאָס ערגסטע, אַבי צו באַזאָרגן דאָס קינד מיט אַ שטיקל ברויט. אָבער אין איין זאַך פאַרגעסט מען—און דוקא אין דעם עיקר—צו זאָרגן פאַר דעם לעבן פון קינד. מענטשן האַווען, יאָגן זיך נאָך רייכטום, אָנצוזאַמלען מאַיאָנטקעס, ווילן באַזאָרג די קינדער מיט ברויט, מיט אַ תכלית אין לעבן. די פראַגע איז אָבער צי וועלן די קינדער לעבן? וועגן דעם טראַכט קיינער ניט. דאָס לעבן פון זייערע קינדער טרויען אָן די עלטערן צו אַזעלכע פירער אויף וועלכע דער נביא (ישעיה א׳) שרייט געוואַלד: „דיינע פירער זיינען פאַרעטער, אַ חברה גנבים, אַלע האָבן זיי ליב און פאַרקויפן זיך פאַר כאַבאַר (געלד) און נעמען זיך ניט אָן פאַרן עלענדן און שוואַכן״! ווייטער: „איר סדום־פירער, נאָך וואָס קומט איר אין גאָטס־הויז, ווער בעט אייך איר זאָלט איבערטרעטן די שוועל פון בית המקדש, אַז אייערע הענט זיינען איינגעטונקט אין בלוט!...״ מעג דער פאָטער צי די מוטער וויקלען איר קינד אין גאָלד און אַוועקשענקן גאַנצע הויפנס גאָלד צום בית המקדש, וועט דאָס ניט ראַטעווען דאָס קינד פון טויט און די עלטערן פון אכזריות; ווייל דאָס בית המקדש גופא, דאָס קולטור־הויז, איז געוואָרן אַ נעסט פון רויבער—„המערת פריצים היה הבית הזה״?—ווייל אין טעמפל פון הומאַניזם הערשט דער היפאָקריט, דער שווינדלער, דער פאַלשער נביא, וועלכער פאַרנאַרט מיט שמן־זית׳דיקער שפראַך די נאַאיווע טאַטע־מאַמע, די אומווינסדיקע מאַסן ביי וועמען ער רויבט אויס דאָס געלט און צוטרוי צוזאָגנדיק זיי ביידע וועלטן: „לא תבא עלינו הרעה—אונדז וועט קיין שלעכטס ניט טרעפן״.

דאָס קול פון אמתן נביא (זכריה, ירמיה, ישעיה) ווערט דערהרגעט, דערשטיקט; דער אמתער נביא ווערט פאַרשריגן אַלס דער „בייזער גייסט״ און ווערט פאַרטריבן פון בית המקדש, פון קולטור־הויז. אַזאַ מין טעמפל קען ניט עקזיסטירן און מוז חרוב ווערן; ווייל אין אים רעאַגירט און הערשט דער גייסט פון עבודה־זרה, געצנדינסט, ווי די גמרא (יומא ט׳) זאָגט: „צוליב שפיכת דמים, עבודה זרה און אויסגעלאַסנקייט (זנות) איז חרוב געוואָרן דער ערשטער בית



המקדש און צוליב שנאת־חנם—דער צווייטער בית המקדש״. ווי אַנדערש זאָלן מיר דאָס אָנרופן, ווען מענטשן וויינען אויף די קאַלטע שטיינערנע טעמפלען וואָס ווערן צושטערט און קוקן בעת מעשה אָן מיט שטיל שווייגן ווי מענער, פרויען און קינדער ווערן געשאָכטן—ניט אַ מין געצנדינסט?!... און דערפאַר זינגט אסף זיין ליד (מזמור לאסף, מדרש) אויפן חורבן בית המקדש „געלויבט ביזטו גאָט וואָס דו האָסט אויסגעלאָזט דיין צאָרן צו שטיינער און האָלץ און האָסט ניט געמאַכט קיין כליה פון דיין פאָלק״. טויזנטער „הייליקע״ טעמפלען און קולטור־הייזער מעגן חרוב ווערן פאַר איין לעבעדיקן נפש . . . און ווייל מיר האָבן געמאַכט פון אונזערע טעמפלען און קולטור־הייזער אַ פעטיש, אַ געצנדינסט און פאַרטריבן פון דאָרט דעם אמת, דאָס האַרץ, כאַראַקטער און מענטשלעכקייט, האָט געמוזט קומען דאָס אומגליק. און די ערשטע צו לידן זיינען די יונגע קינדער, וועלכע ווערן פלוצלינג אַוועקגעריסן פון זייערע עלטערן און צעשאָכטן. אויף זכריה הנביא׳ס בלוט, וועלכעס האָט ניט אויפגעהערט צו קאָכן און זידן אין בית המקדש האָט דער הענקער נבוזראדן אויסגעשאָכטן טויזנטער יידישע קינדער. די קינדער זאָגן די חז״ל זיינען די ערובניקעס פאַר די עלטערנס זינד. די עלטערן צוליב זייער איגנאָראַנץ און נאַכלעסיקייט און עגאָאיזם ווערן אַליין די שוחטים פון זייערע קינדער און עסן אויף זייער פלייש...

רואיקייט, פאַרגליווערטקייט און זעלבסט־איינבילדונג ברענגען אומגליקן און חורבנות אויף די וועלט און דערפאַר בייזערט זיך אַזוי דער נביא: „הוי השאננים בציון״, איר זעלבסט־צופרידענע דאָרט אין ציון, איר זויפט דעם ווין אויף אייערע געלעגערס און זעט גאָרניט די צרה וואָס רוקט זיך אָן אויף אייך!״ „ווי גליקלעך איז דער מענטש וואָס שרעקט זיך שטענדיק״—אשרי איש מפחד תמיד ומקשה לבו יפל ברעה. זעען מיר ניט די אומגליקן וואָס שפילן זיך אָפּ פאַר אונדזערע אויגן? האָט ניט דאָס אויסגעלאַסנקייט, דאָס פאַרטרונקנקייט אין שכרות און תאוות ניט געווירקט צום היינטיקן חורבן? די אויגן זיינען געווען אַזוי פאַרגלעזערט, און די חושים אַזוי פאַרטעמפּט און די גלידער אַזוי שווער, אַז זיי האָבן ניט געזען און ניט געפילט דאָס אָנרוקנדיקע צרה. און מיט אַ בלאָז זיינען זיי צופאַלן פון צעפוילטקייט.

דאָס נעמט זיך אַלעס פון דעם וואָס מענטשן האַסן ניט קיין שלעכטס, האַסן ניט קיין רויבער און מערדער. געוויס, עס איז דאָ שנאה, אַ שנאת חנם פון כבוד, פון קנאה און פון תאוה, אַן אומזיסטע שנאה, אַזעלכע וואָס האָט חרוב געמאַכט ארץ ישראל, אָבער ניט אַזאַ שנאה און האַס צו רשעות, צו געוואַלד־טאַטן, וואָס וואָלט געצוואונגען דער מענטשהייט צו מאַכן אַ סוף מיט אַלע אכזריותן אין דער וועלט.

---

אין דעם טאָג ווען דער בית המקדש איז חרוב געוואָרן איז משיח געבוירן געוואָרן. אָבער נאָך אין דעם זעלבן טאָג איז דאָס משיח־קינד ערגעץ נעלם גע־

וואָרן און קיינער ווייס ניט וואו ער איז אהינגעקומען. ווי מיר זאָלן ניט וועלן שילדערן די יידישע נחמה אין ראָזע פֿאַרבן קענען מיר אָבער ניט אַוועקגיין פֿון פֿאַקט, ווי די יידישע פֿילאָזאָפֿיע לערנט אונדז, אַז נחמה, ווידער־אויפֿבויאונג קען נאָר קומען דורך טרויער. גלייך אין חורבן־טאָג איז שוין געבוירן געוואָרן דער משיח־געדאַנק; דער ווילן צו בעסערן זיך, צו אויפֿהויבן זיך פֿון שפֿלות, צו בויען אַ נייע וועלט.

כל זמן יידן זיינען געזעסן ביי זיך אין לאַנד האָבן זיי זיך אויפֿגעגעסן דורך שנאת חנם, אָבער ביי די טייכן פֿון בבל, דאָרט האָבן זיי אַלע געוויינט מיט איין קול, די צרה האָט זיי אַלעמען פֿאַרייניקט. און דאָס זאָגט ירמיהו הנביא: „מיינע ברידער, ווען איר וואָלט נאָר איינמאָל געוויינט דאָ אין ארץ ישראל, וואָלט איר דאָך פֿאַרשפּאָרט וויינען היינט“. . . . און טאַקע מחמת יידן האָבן דאָ ניט אויפֿגעהערט צו וויינען אויפֿן ערשטן חורבן: על נהרות בבל שם ישבנו — אפֿילו דאַן ווען יידן זיינען שוין געזעסן גוט איינגעאָרדענט אין בבל — גם בכינו — האָבן זיי אויך געוויינט: „ווי קענען מיר זינגען שירה אין אַ פֿרעמדער לאַנד“, אָט דער טיפֿער טרויער וואָס האָט פֿאַרייניקט יידישע הערצער, וועלכע האָבן אָנגעפֿילט איינע די אַנדערע האָט מיטגעווירקט, אַז יידן זאָלן מיט 70 יאָר שפּעטער באַפֿרייט ווערן פֿון גלות.

אָבער דאָך, איז דאָס נאָך ניט געווען קיין פֿאָלקאָמע גאולה, ווייל מיר קענען ניט געפֿינען דאָס משיח־קינד... משיחיזם הייסט פֿאָלקאָמענהייט אין דער בריאה און דאָס פֿעלט נאָך. און מיר הערן ניט אויף צו וויינען אויף ביידע אַמאָליקע חורבנות, טראָץ דעם וואָס מיר האָבן גענוג צו וויינען אויפֿן היינטיקן חורבן; ווייל כל זמן „משיח זיצט ביי די טויערן פֿון רוים אַ צומזיקטער אַ פֿאַרוואונדעטער“ און רייסט פֿון זיך די קייטן און קען זיך ניט באַפֿרייען; כל זמן רוים, דער סימבאָל פֿון צעשטערונג און באַהערשונג פֿון אכזריות און אומרעכט וועט עקזיסטירן; כל זמן דער טיטוס־בויגן און אַלע אַנדערע דענקמעלער פֿון די טיטוסעס און שונאי ישראל וועט הייסן ביי דער וועלט, ביי דער מענטשהייט קולטור, הומאַניזם, קען ניט זיין קיין פֿאָלקאָמענע גאולה.

אונצעליקע יידישע שטעט און שטעטלעך, גאַנצע יידישע קהלות זיינען אויסגעמעקט געוואָרן — „יידן־ריין“. זאָל זיין, אַז ס׳וועט מקוים ירמיהו׳ס שרעקליכע נבואה: „און ס׳וועט איבערבלייבן איינער פֿון אַ שטאָט און צוויי פֿון אַ משפּחה“? . . . און קענען מיר אויך האָפֿן, אַז ס׳האָט אויך מקוים ווערן ישעיה׳ס נבואה פֿון נחמה?

ניין, מיר וועלן ניט אָננעמען קיין נחמה, אונזער דור פֿון דעם — אני הגבר ראה עני — קען זיך איבערהויפּט ניט טרייסטן. און ווי ירמיה הנביא, וועלכער האָט אָנגעוויינט טייכן (נהרות בבל) מיט טרערן אַזוי וועלן די פֿאַרביטערטע הערצער פֿון די גואלי־הדם ניט אויפֿהערן צו שפּייען מיט פֿייער און סם, ביז וואַנען דער לעצטער פֿון די (באַהאַלטענע) רוצחים און זייערע גוט־זאָגערס וועלן ניט אָפּגעווישט ווערן פֿון גאָטס ערד; ס׳קען ירושלים ניט געבויט ווערן ביז וואַנען די רוים׳ס (סימבאָל פֿון טיראַניי) וועלן ניט חרוב ווערן...



און מיינע ליפּן וועלן ניט אויפֿהערן צו שעפּטשן צום אמתן יידישן גאָט די תפילה: „דו רויבערישע און רוצחישע (דייטשישע) בת בבל, גליקלעך וועט זיין דער וואָס וועט דיר באַצאָלן אַזוי ווי דו האָסט אונדז געטון, און גליקלעך וועט זיין דער, וועלכער וועט צעשפּאַלטן דיינע קינדער אָן דעם שטיין“.... (תהלים).

משה עובד

## דו ביזט דער שפּיגל

אַ געשליפֿענער שפּיגעל מיטן פּנים צו דער וואַנט
האָט געהאָנגען פֿאַראַבלט אַ לאַנגער צייט,
האָב איך אים אומגעדרייט מיט ליבשאַפֿט פֿון האַנט,
די טרערן אים אָבגעווישט, אים דערפֿרייט.

האָט ער איבער מיר געוואַכט טאָג ווי נאַכט,
באַלויכטן די וועלט ער האָט געשפּיגעלט
אַלעס וואָס ער האָט נאָר אויף אַ רגע באַטראַכט
האָט ער אויף אייביק אין זיך פֿאַרזיגעלט.

כ׳האָב אים באַלעבט מיט גלענצענסטע געשטאַלטן,
מיט ירושות פֿון דוירנדע דורות פֿון וואוילע ווינקלען,
פֿון שענסטן פֿון בעסטן, פֿון נייען פֿון אַלטן,
אים געגעבן איבערצוזילבערן, איבערצופֿינקלען.

ביז ער איז געוואָרן קלוג ווי דער טייך,
וואָס ווייס דעם חלום פֿון פּערל און סוד פֿון פֿיש,
ביז ער איז געוואָרן ווי די לבנה בלייך
וואָס ווייס דעם חלום פֿון שטערן און סוד פֿון קוש.

אַזוי האָט דער קדמון געפֿינען אויך דיך,
ש״י עולמות פֿאַרזייט אין דיינע צוויי אויגן,
נאָר דו ביסט געפֿאַלן, געפֿאַלן ביי זיך,
דיין ליכטיק פּנים פֿון אים אַוועקגעבויגן.

נו, קער זיך שוין אום צו אים צוריק,
מאַך ניט חרוב וועלטן טיף אין דיר פֿאַרזייט,
דיין בליק איז דאָך דער יורש פֿון זיין גליק,
דער דאָפּלטער שפּיגעל פֿון אחד׳ס הערלעכקייט.

# די טרערן וואַנט אין אָרטשער סטריט

(אַ סקיצע)

נעבן דער רייכער גאַס שאַפּטסבורי עוועניו, שניידט זיך אַ שמאָל געסל, די גרויס ווי אַ קליין טל־ומטר אין אַ גרויסן סידור. דאָס אַפּאָלאָ טעאַטער און אַ שיך געשעפט טיילן זיך אָפּ פון עטלעכע הייזער, ביידע סיי דער טעמפּל פון קונסט און סיי דאָס שיך געשעפט, להבדיל, שמעלצן זיך צענויף אין איין גרויסע הינטער וואַנט, וועלכע איז אַ אָנשפּאַר אין געסל פאַר פילע מוזיקער, וואָס קומען יעדן טאָג, אויסצווייטאָקן זייערע מחשבות פון בעסערע צייטן, און די וואַנט זאַפּט איין זיך איין די גאַנצע פאַרביטערטקייט פון מענטשן מיט אַן אָפּגעשוואַכטן ווילן פאַר אַ בעסער לעבן.

ס׳וואָלט זיך געקענט אויסדוכטן, אַז אָרטשער סטריט האָט עפּעס אייגנאַרטיקס, וואָס ציט צו אַזוי פיל ליבהאָבער פון מוזיק. איז דאָס אָבער אַ קליין שמוציק געסל, מיט עטלעכע איטאַליענישע קאַפע הייזלעך, וואו עס זיצן בחורים און מיידלעך און חוזקן איבער זיך, און זייער הילכיק געלעכטער שפּאַרט זיך פון די הייזלעך אַרויס און אַ חוץ די פאַרשידענע גוטע זאַכן וואָס מען קריגט דאָ, איז אויך אייז־קרים לרוב הפנים, אַז די יידישע יוגנט זאָל זיך קענען קילען זייער הייסן און אומרואיקן טעמפּעראַמענט.

ביים אַריינגאַנג פון דעם געסל שטייט אַ קליין מענטשל. נעבן אים שטייט אַ קויש, וואָס איז כמעט די זעלבע הויך. אינם קויש ליגן אָנגעלייגט שקאַרמיצלעך מיט מאַלפּע־ניסלעך אין דער פאָרם פון אַ פּיראַמידע. ער שיקט נאָך אַ לויפנדיקן בליק יעדן פאַרבייגייער, און ציט אָן אַ רחמנות מינעלע אויף דעם דינעם נעזל, אַז מ׳קויפט ביי אים די ניסלעך לשם מצווה.

צווישן די מיטאָג שעהן וואַנדערן דורך גאַנצע אָרקעסטראַס און גלאַט גאַסן כלי־זמר און קינטצנמאַכער, טייל זינגען לידער, שפּילן אויף פידלעך און בלאָזן אויף מעשענע טרומייטערס. די לופט אין געסל ווערט אָנגעפילט פון פאַרשידענע קלאַנגען, וועלכע מישן זיך אויס מיטן גערויש פון דורכלויפנדע אָטאָס, און שווער באַלאָדענע וועגענער, שניידן דורך דאָס געסל, געשלעפּט פון גרויסע און שטאַרקע ראַסאָווע פערד. דער אָפּשלאָג פון די אייזערנע פּאָדקאָוועס, לאָזן איבער פאַרצווייפלטע עכאָס, וואָס בלייבן הענגען אין די מידקייט פונם טאָג.

מיט יאָרן צוריק איז אָרטשער סטריט געווען דער גן־עדן פאַר יעדן מוזיקאַלישן טאַלאַנטירטן מענטש בפרט און בכלל פאַר די יידישע יינגעלייט, וועלכע האָבן זיך מיט גרויס אימפּעט געוואָרפן אין די גוט באַצאָלטע אָרקעסטראַס פון דזשעז, דערנאָך פלעגן זיי האָפעדיקע קומען אין געסל, כדי יוצא צו זיין און אָוועקגיין פריילעך אונטערזינגענדיק אַ ניגון, וואָס די מאָדערנע וועלט שפּייט פון זיך אויס יעדן טאָג. האָבן אָבער די אומשטענדן געענדערט דעם גאַנג פון דער צייט און די וואַנט שטייט ווי אַ שטומער עדות און קלאָגט אויף דעם



חורבן, וואָס די נייע טעכניק האָט געשאַפן אין די מוזיקאַלישע וועלט.

אין געסל איז שטענדיק לעבעדיק, און ס׳דערמאָנט דאָרט אין אַ אויסשטעלונג פון מאָדערנע בילדער, פון פאַרשידענע טיפּן, פאַרשידענע טעמפּעראַמענטן און וואַריאַציעס. אָט איז אַ יאָדערדיק יידל, קיילעכדיק ווי אַ קלעצל מיט אַ באַשיידן גוידערל. ער איז אין אָרטשער סטריט באַקאַנט אונטערן נאָמען יאַנקל בלאָזאַק, ווייל זיינע באַקן האַלטן זיך אין איין אָנבלאָזן, אויס געוווינהייט מיט וועלכער זיין פּאַך האָט אים דורך דער צייט באַשאַנקן. יאַנקל בלאָזט אויף אַ סוזיפאַן, אַזאַ אינסטרומענט, וואָס בשעת ער זעצט עס אַרויף אויף זיינע אַקסלען, זעט ער אויס ווי אַ באָק מיט געדרייטע הערנער.

מייקעל דער קרומער שלייכט זיך אומבאַמערקט אַריין אין געסל. פאַרטראַכט שלעפּט ער זיין טשעלאָ ביי דער זייט. אים רופט מען קרומער צוליב זיינע פיס, וואָס זיינען ביי אים אויסגעבויגן, פון תמיד האַלטן דעם אינסטרומענט צווישן די קני; ער איז אַ בעל כעסן, מיט טיפע פלאַמנדיקע אויגן, וואָס נאָר זיי זוכן, דאָס פּנים איז אים בלאַס און דער שטערן שטאַרק צעאַקערט מיט בולטע צייכנס פון יאוש. ער האָט גרויס תרעומות אויף די וועלט פאַר זיין געפאַלענעם שטייגער, און קען מיט איר באַין אופן נישט שלום מאַכן און אויפנעמען די אַלע דיסהאַרמאָנישע קלאַנגען, פון די נייע ריכטונג אין די מוזיק. ער האָט אויך געוואוסט אַז אַ סך פון זיינע חברים האָבן פיינט די דזשעז בענדס, אָבער זיי באַלאַנגען צו דעם קלאַס מענטשן וואָס זיינען צו אַלעם פּעאיק. די מענטשן קענען מיט קיין זאַך גרינגלעך זיך נישט אויסצייכנען. נישט מער אַלע טון אַזוי דאַרף מען נישט בלייבן הינטערשטעליק, אָדער עס לוינט זיך פשוט צוליב אייגענעם נוצן. האָט ער דערפאַר שטענדיק געטראָגן אַ שנאה צו קאָלעגן פונם געסל.

אין זיינע יינגע יאָרן האָט מייקל זיך פאַרמאָסטן צו דערגרייכן דעם שטאַפּל פון באַרימטקייט, האָט אָבער די צייט אים כמעט געבריינגט צו דער מדרגה פון שפלות. כאָטש ער אַרבעט שוין ניט אַ לאַנגע צייט איז ער אָבער אינערלעך צופרידן צו שטיין דאָ אין אָרטשער סטריט, ביי די טרערן־וואַנט. אַזוי אַריינגעטאָן אין זיינע מחשבות האָט אים אַ מיינסטן געקוועלט וואָס עפּעס היינט האָט זיך זיין ווייב מילי געטוליעט צו זיין ברוסט, ווי זי וואָלט זיך באַהאַלטן פון עפּעס וועלכעס האָט זי געשראָקן; און ניט ווילנדיק האָט זיך אַ באַהאַלטענער באָרנדיקער ווייטיק פאַרגנבעט אין זיין געדאַנק, וועגן זיין פריינט, אַ ווייטיק וואָס האָט אים געמוטשעט מיט אַלע כחות. האָט ער אים געוואָלט פאַרטרייבן ווי מ׳פאַרטרייבט אַ ניט געבעטענע פליג: וואָס פלוצים די פאַרענדערונג, האָט ער זיך געפרעגט און געפילט, אַז ער ווערט עפּעס פאַרטיפט אין אַ וועלט פון וועלכע ער האָט פריער ניט געוואוסט, עפּעס אַן אכזריותדיקער טומעל האָט זיך צעשפּילט אין זיין נשמה, וואָס מאַטערט אים אָן אויפהער. פאַרשידענע געדאַנקען זיינען ווי בליצן אים דורכגעשוועבט, דאַכט זיך ערשט נעכטן האָט ער זיך אינם געסל מיט מילי באַקענט, און ווי שטאַרק ליב ער האָט זי געקראָגן. דאָס

האָט אים אַ שאַרפן וויטיק אין זיין האַרצן אַריינגעבויערט און דערשפּירט אַ געפיל פון פאַרלאַרנקייט און אַרום אים איז אַלץ פּוסט און וויסט געוואָרן.

די חברה כלי זמר האָבן געהאַלטן מייקעל פאַר אַ סימפּאַטישן און ליבן מענטש. וויסנדיק פון זיין נידעריקער לאַגע פלעגן זיי אים אָנבאָטן אַרבעט, וואָס זיי האָבן צופעליק געקראָגן. אָבער מייקעל, דער שטאָלצער מוזיקער, האָט אַלע מאָל מיט אַ האַנט־מאַך, אָפּגעוואָרפן זייער אָנבאָט און פעסטער זיך געשפּאַרט צו דער וואַנט, ווי צו קריגן אַן ענטפער אויף זיינע צעווייטיקטע מחשבות, און ווי פאַרשכור׳ט איז ער אַזוי געשטאַנען ביז עס האָט זיך אַריינגעשניטן אַ שטיק נאַכט. אַוועקגיין פלעגט ער ערשט שפּעט און מיטנעמען מיט זיך אַ צעגאָסענעם שאָטן, ווי אַ שטומען עדות פון דער מוזיקאַלישער וועלט, וועלכע איז חרוב געוואָרן דורך דער נייער טעכניק.

אלגא סומך־פיליפס

## גרעיס אגילאר 1816 — 1847

דער נאָמען אַגילאַר דערמאָנט אונדז אין שפּאַניען, וואָס האָט אַרויסגעגעבן פון זיך אַזויפיל אָנגעזעענע יידישע געלערטע. די פאַמיליע אַגילאַר אַליין האָט איר שורש אין די פּאָרטוגעזישע מאַראַנען, פאַרבאָרגענע יידן, וועלכע האָבן אינם אכצנטן יאָרהונדערט געפונען אַ מקום מקלט דאָ אין ענגלאַנד.

גרעיס קען מען באַצייכענען אַלס אַ פאָרשטייערין פון אַנגלאָ־יידישער שעפערישקייט אין דער וויקטאָריאַנישער עפּאָכע. אָן ספק פאַרדינט זי, ווייניקסטנס אין דער זעלביקער מאָס ווי אַנדערע פון יענעם פּעריאָד, אַז די פאַראינטערעסירונג מיט איר זאָל ווידער אויפוואַכן שוין צוליב אירע ביישטייערונגען צו דער יידיש־געשיכטלעכער און רעליגיעזער ליטעראַטור. יאָ, איר סטיל איז טאַקע אין אַ געוויסער מאָס פאַרעלטערט און צאינה וראינהדיק; סאַי אירע ווערק סאַי איר צו קורץ לעבן זענען אָבער דאָך געווען פון געוואַלטיקער וויכטיקייט פאַר דער היגער קהילה.

זי איז געבוירן געוואָרן אין העקני — אַ נאָרד־אָסטלעכע לאָנדאָנער פאָרשטאָט — דעם 12־טן יוני, 1816; און אין אַ רעליגיעזן חיבור אירן, „דער גייסט פון יידנטום“,—פאַרעפנטלעכט אין אַמעריקע, שטייט אויפן שער־בלאַט „פון גרעיס אַגילאַר אויס העקני, ענגלאַנד“. אָט דאָס דאָזיקע בוך פון מוסר, וואָס איז אַ סך ווייניקער באַקאַנט ווי אירע ברייט פאַרשפּרייטע נאָוועלן פון יידישן און אַלגעמיינעם לעבן, פאַרדינט, אַז מען זאָל עס אָפּראַטעווען פון פאַרגעסנקייט. עס איז ווערטפול שוין צוליב דער הקדמה און שער־בלאַט, געשריבן פון דעם באַרימטן רבי יצחק ליסער אויס פילאַדעלפיע, וועמען מען קען אָנרופן אַלס דעם ערשטן אַמעריקאַניש־יידישן פאַרלעגער. דער דאָזיקער



רב האָט שטאַרק פאַרטיידיקט אָרטאָדאָקסיע און נישט מסכים געווען מיט גרעיס אַגילאַרס רעליגיעזע אָנשויאונגען, אויף וועלכע ער האָט געקוקט ווי אויף אַ פועל יוצא פון איר מאַראַנישער אָפּשטאַמונג און לאַנגן אויפנטהאַלט אין אַ גויאישער סביבה אין דעוואָנשייר.

דער רב און די דאָזיקע טאַלענטירטע דאַמע האָבן אָבער דאָך געקענט איינשטימען צו בלייבן ביי זייערע אייגענע מיינונגען און אָנצונעמען דאָס בעסטע איינס פונם אַנדערן. איר בוך האָט זי געשריבן ערשט נאָך דעם ווי זי האָט געלייענט זיינע דרשות און אים געבעטן ער זאָל איבערקוקן איר כתב־יד. אָט איז אַ ציטאַטע פון ליסערס הקדמה — „איך פריי מיך זער, אַז אַ באַגאַבטע טאָכטער פון ישראל האָט זיך סוף כל סוף באַוויזן, וועלכע האַלט עס נישט פאַר אַן אומכבוד אַרויסצוטרעטן ווי אַ קעמפערין פאַר איר אַלטער אמונה, און, פאַרלאָזנדיק לעת עתה דאָס פעלד פון וועלטלעכער ליטעראַטור, וואו סאַי רום סאַי פינאַנץ וואַרט אויף דעם אַספּיראַנט מיט הצלחה, פאַראייניקט זי איר גורל מיט יענע איינציקע קנאים וואָס ווייגערן זיך נישט צו דערקלערן זייער בטחון אין דער תורה פון זייערע אבות, און וועלכע זוכן נישט קיין אַנדערן שכר ווי נאָר צו זעען זייער אייגענע אמונה אָפּגעהיטן און אירע אָנהענגער געשעצט, נישט מחמת עשירות און איינפלוס, נאָר צוליב דעם גלויבן און איבערגעבנקייט צו זייער גאָט“. — — —

אין אָט דעם דאָזיקן רעליגיעזן בוך „דער גייסט פון יידנטום“ געפינט זיך אַ זער פאַרנונפטיק קאַפּיטל מיט נאָמען „רמזים בנוגע דער רעליגיעזער דערציאונג פון דער יידישער יוגנט“. אייניקע שטעלן ווייזן ווי קלאָר זי האָט איינגעזען אַז העברייאיש און יידישע לערעס מוזן זיין מער לעבעדיק און ווייניקער מעכאַניש און אַז די יידישע אמונה האָט צו שפּילן אַ העכסט וויכטיקע ראָלע. בשעת זי ווייזט אויף ווי זער וויכטיק עס איז פאַר יעדן יידישן קינד צו זיין באַהאַוונט מיט דער העברייאישער שפּראַך, שרייבט זי דאָס פאָלגנדיקע: „מען קען זי נישט באַטראַכטן פאַר אַ טויטער שפּראַך, וואָרום דאָס פאָלק וועמען זי האָט אורשפּרינגלעך געהערט עקזיסטירט נאָך אַלץ, און וועט אייביק עקזיסטירן. אמת, מען רעדט נישט אויף אָט דעם לשון ווי דאָס וואָלט געווען דער פאַל, אויב מיר וואָלטן פאַרבליבן אין אונזער אייגן לאַנד; דאָך קען עס אַלץ פאַראייניקן אַלע קינדער פון ישראל וואו זיי זאָלן זיך נישט געפינען“. . . .

ווייטער פאָדערט זי כבוד פאַר העברייאיש און אַז מען זאָל לערנען די שפּראַך על פּי דקדוק און נישט כאַאָטיש, אָן אַ סדר. אַלס אַ שטאָלצע, היסטאָריש געזינטע ספרדישע פּערזאָן איז לשון קודש פאַר איר די תמצית פון קולטור, פּונקט ווי די יידישע שפּראַך פאַר אַ סך לייענער פון דעם אַרטיקל. און דאָך איז גרעיס אַגילאַר געווען אָנגעזאַפּט מיט ענגלישער און קאָסמאָפּאָליטישער בילדונג. אירע עלטערן האָבן געוועקט אין איר די ליבשאַפט צו געשיכטע און איר באַקאַנטשאַפט מיט פרעמדע שפּראַכן און ליטעראַטורן איז געווען זער גרויס. זי איז געווען אַן אויסגעצייכנטע מאָלערין און געאיבט אין

מוזיק ביז איר שלעכטער געזונט צושטאנד האָט געמאַכט אַ סוף צו דעם. צו עלף יאָר האָט זי אָנגעהויבן האַלטן אַ טאָג־בוך אָן אונטערברוך ביז צום טאָג פון איר טויט. דאָס דאָזיקע טאָגבוך געפינט זיך אינם רשות פון מרס. א. אייבראַהאַמס, די פרוי פון דעם רעדאַקטאָר פון „דזשואיש סטאַנדאַרט" — אַ יידישע צייטשריפט דערשינען אין העמפּסטעד, נאָרד־וועסט לאָנדאָן.

גרעיס אַגילאַרס אַנדערע ווערק זענען „אין די טעג פון ברוס" — אַ ראָמאַן אויס דער שאָטלענדישער געשיכטע. די בעסטע פון אירע יידישע דערציילונגען איז „דער צעדערטאָל" אָדער „די אנוסים"—אַ נאָוועלע איבער שפּאַניען אינם פיפצנטן יאָרהונדערט. צווייִמאָל איז אָט דאָס בוך געוואָרן איבערגעזעצט אויף העברייאיש און צוויי מאָל אויף דייטש. גרעיס איז אויך געווען אַ דיכטערין, און האָט געהאַט יראת־הכבוד פאַר ירושלים. אַן אַמעריקאַנער שרייבער האָט אַמאָל באַצייכנט איר סטיל אַלס גליענדיק. ארויסגייענדיק פון אַ לאָנדאָנער קירך נאָך אַ קאָנצערט פון אָרגל מוזיק, האָט זי געשריבן:

„איך זע דיך, מיין פאָטערלאַנד, מיין שיינס, מיין אייגנס,
ווי גאָט וואָלט דיך אויפגעהויבן פונם שטויב וואו דו ליגסט;
זיין גלאַנץ איבער דיר, דיינע קינדער צו אים געבונדן
מיט רינגען פּרעכטיק געשפּינטע, קיין זינד זייער שטראַל שוואַכט
אָפּ".

דער ווייטערדיקער פערז, מיט פאַרגלייכונגען פון מוזיקאַלישע אינסטרומענטן און דער פאַרהערלעכונג פון גאָט, דערמאָנט אונז אין דעם הונדערט און פיפציקסטן קאַפּיטל תהילים.

איר זאַמלונג נאָוועלן, דער עיקר אויף יידישע טעמעס אונטערן נאָמען „בילדער פון דער היים און שטודיען פונם הארץ" איז ווערט געלייענט צו ווערן —אַ זער בילדלעכע דערציילונג איז „די גזירה", אַ מעשה פון די פאַרפאָלגטע יידן בשעת גירוש שפּאַניען. אירע דערציילונגען פון דער היים לייענט מען נאָך אַלץ, און טראָגן דעם נאָמען „די מוטער איז שכר" און „אַ פרוים פריינטשאַפט"—„די פרויען פון ישראל" איז איינס פון אירע רעליגיעזע ווערק און שטיצט זיך אויפן תנ״ך און דעם היסטאָריקער יאָזעפוס פלאַוויאוס.

אפילו בשעת זיי האָבן געוואוינט אין טאַוויסטאָק, דעוואָנשייר, האָט עמנואל אַגילאַר געטון אַלדאָס מעגלעכע אַז זיין טאָכטערס פאַראינטערעסירונג אין דער יידישער געשיכטע זאָל נישט קלענער ווערן. זי האָט געהאַט צוויי געברידער, עמנואל, אַ לערער און הענרי, אַ פלאָטן קאַפּיטאַן. זי אַליין איז געשטאָרבן אין פראַנקפורט אַם מאַין און ליגט באַגראָבן אויפן דאָרטיקן יידישן בית עלמין.

זי האָט זער פיל אויפגעטון ביים לעבן און דורך אירע שאַפונגען צו וועקן אַ ראַסישע און היסטאָרישע באַוואוסטזיניקייט ווי אַ מיטל קעגן שמד־טענדענצן.

דער כבוד, וואָס מען האָט איר צוגעטיילט, איז געווען אַ באַוויז, אַז די יידישע פרויען האָבן זי געשעצט ווי געהעריק, נישט געקוקט אויף אירע פאַר־



בינדונגען מיט גוים און אירע סימפּאַטיעס מיט רעפאָרם יידנטום. זי איז געווען זער אָפנהיציק וואָס שייך יידישע דינים און מנהגים און דאַרף פאַררעכנט ווערן צווישן די אַנגלאָ־יידישע אומשטערבלעכע פּערזענלעכקייטן.

## איבער אַן עפּל — פון ח. נ. ביאַליק

איבערזעצט • פון העברעאישן פון רחל דון־יחיא

ווילט איר וויסן ווי אַזוי כ׳האָב זיך פאַרליבט?
איבער אַן עפּל האָב איך זיך פאַרליבט.
אַז דער גייסט קיין וועג נישט ווייסט
דאָס וויסן אַלע — יעצט ברענג איך
דאָ אַ ראיה פון מיין כלה.
און איך, ווייסט איר ווי אַזוי כ׳האָב זיך פאַרליבט? —
איבער אַן עפּל האָב איך זיך פאַרליבט.

מיין פעטער האָט אַ פרוכט־גאָרטן (געהאַט)
זיין טאָכטער שיינע אויגן.
אין פרוכט־גאָרטן אַ טייכל פליסט.
קלאָרע וואַסער זיך צוגיסט.
גנבה־וואַסער, ברכה־רעגן . . .
מיין פעטער האָט אַ פרוכט־גאָרטן.
זיין טאָכטער שיינע אויגן.

אין פרוכט־גאָרטן באַהאַלטענע ווינקלען צייגן
אויף פרוכט־ביימער, צולאָזענע צווייגן.
און ווען דער ליבער זומער קומט
אַלעס זינגט דאָרט, אַלעס ברומט.
די זון איז הייס, די שאָטנס גרויס . . .
אין גאָרטן באַהאַלטענע ווינקלען צייגן,
אויף פרוכט־ביימער, צולאָזטע צווייגן.

און אין אַ זומער־טאָג אַ הייסן,
אין דעם פרוכט־גאָרטן דעם זיסן,
זיך געשפּאַצירט, צום טייכל זיך געצילט,
איך און פנינה מיין קוזינע.
זי אַ יונגעס קינד אַ מיידל,
איך אַ בחור שיין און איידל.

* די לעצטע דריי פערזן זיינען אינקאָרפּאָרירט אין איין פערז.

און מיר האָבן זיך פאַרבראַכט
אין אַ זומער טאָג אַ הייסן.

דער גאָרטן גרין, פאַרפּוצט געשטאַנען.
זונען־שטראַלן טאַנצן, שפּאַנען.
באַלייגט מיט עפּל שטייט דער בוים,
קאַרשן גלאַנצן אין דעם רוים.
רויט די ערדבערן צופלאַקערט . . .
אין דעם שאָטן פון צווייגן גרין
שיין און ליכט און פרייד דערין.

געזאַנגען, קלאַנגען, שיין און לוסטיק
צווישן צווייגן ט׳זיך דערעהרט.
צווייג און פויגל ביידע לוסטיק —
ס׳איז מיין האַרץ מיר געוואָרן דורשטיק.
אַ נייער זמר דאָרט באַשאַפט זיך . . .
אַן עכאָ פון דעם פויגל־צוויטש,
געזאַנג פאַרשפּרייט זיך אין דער היץ.

און מיר האָבן זיך צושטיפט
איך און פּנינה מיין קוזינע.
אָט ווי קינדער געטאַנצט, געשפּרונגען.
צווייג און פויגל מיטגעזונגען . . .
זיך צושטיפט און צולאַכט.
ביידע האָבן מיר גוט פערבראַכט,
איך און פּנינה מיין קוזינע.

זי׳ט מיך גערופן בחור־שטיפער,
איך איר פויגעלע מיינס.
אָדער פאַרגלייכט איר צו אַ רויז.
ווער געדענקט. און אפשר בלויז . . .
פּנינה׳ס שענקייט נישטאָ אַזוינס . . .
זי׳ט מיך גערופן בחור־שטיפער.
איך איר פויגעלע מיינס.

ביז מיר זיינען זיך געקומען
צו אַן עפּל בוים, אַרומגענומען.
זי׳ט אַן עפּל אָפּגעריסן,
מיט ווייסע ציין עס באַלד צוביסן,



כ׳האָב דערפילט דעם ריח זיסן . . .
אַזאַ מין תענוג צו געניסן —
מיר האָבן זיך געמוזט צוקושן.

י. ריכטיגער

## פרייהייט פון דענקן און גלויבן ביי יידן

II.

אויך אין די „ד׳ אמות של הלכה“ האָט דאָס יידישע פאָלק צוגעפּאַסט דעם פּרינציפּ פון פרייען דענקן און גלויבן. דער סאָציאַלער שטרייט וואָס איז אָנגעגאַנגען צווישן די צדוקים און פּרושים איז אין תוך געווען צווישן אַנהענגער פון טאָטאַליטערן דענקן און די פון פרייעם געדאַנק. די צדוקים זיינען געווען באַאיינפלוסט פון די גריכישע פילאָזאָפישע טעאָריע, וועלכע האָט געפּרעדיקט, אַז דורכן שאַפן פון אַ טאָטאַליטערע אָרדנונג אויפן יסוד פון אַ סטאַטואַרן קאָדעקס וועט מען ברענגען די מענטשהייט צו אַ פאָלקאָמענער פּערפעקציאָן, כדי צו דערהאַלטן זייער פּאָזיציע האָבן זיך אַרום דער דאָזיקער אידעאָלאָגיע גרופּירט אַלע וואָס האָבן געהאַט נוצן פון קאָנסערוואַטיזם, ד.ה. די אַריסטאָקראַטיע און באַזיצענדער קלאַס. די געזעצן האָבן, לויט זייער מיינונג, געדאַרפט דינען, אַז די קאָנדיציאָנען פון לעבן זאָלן בלייבן סטאַטואַר, אונפאַרענדערלעך. זיי האָבן ניט פאַרשטאַנען, אַז דער סאָציאַלער צושטאַנד פאַרענדערט זיך דורכן פּראָגרעס פון די צייט, און דערפאַר ווי שיין דער אידעאַל פון שאַפן אַ פּערפעקטע מענטשהייט זאָל ניט זיין, איז עס אין פּראַקטישן לעבן ניט מער ווי אַ אוטאָפּיע, ווייל מענטש זיין, מיינט, שטענדיקער פּראָגרעס, קיינמאָל ניט שטיין בלייבן. זיי האָבן געוואָלט מאַכן פון דער תורה שבכתב אַ פאַרשטיינערטע דאָגמאָ און די רעדער פון דער צייט האָבן זיי אָבגעמעקט פון דער וועלט.

די פּרושים זיינען דאַגעגן געווען רעאַליסטן. מענטשן וואָס האָבן געהאַט אַ חוש פאַרן ווירקלעכן לעבן. זיי האָבן באַגריפן, אַז קיין געזעץ קאָן ניט האָבן קיין קיום אויב דער פאַרפאַסער רעכנט זיך ניט מיט די נאַטירלעכע נייגונגען פון דעם מענטש און מיט די קאָנדיציאָנען פון דער צייט. זיי האָבן דערפאַר דורך פאַרשידענע קאָמענטאַרן וואָס זיי האָבן געמאַכט אויף די פּסוקים פון דער תורה שבכתב, געטראַכט צוצופּאַסן די יודאַאישע געזעצן צו די צייט „ובאת אל הכהנים הלוים ואל השופט אשר יהיה בימים ההם“ — יפתח בדורו כשמואל בדורו — יעדערער האָט אַ רעכט אויסצוטייטשן די יודאַאישע געזעצן לויט די נויטווענדיקייט פון דער צייט. דער תלמוד דערציילט, אַז „שמעון בן שטח תיקן כתובה לאשה“, ער האָט איינגעפירט, אַז אויב אַ מאַן שיידט זיך מיט זיין פרוי מוז ער איר געבן אַ סומע געלט פון וועלכען זי זאָל קאָנען אַ צייט לעבן, און ווען ער האָט געזען, אַז די מענער טראַכטן זיך אַרויסצודרייען פון צו באַצאָלן די פאַרגיטיגונג צו דער פרוי מיט אַ תירוץ, אַז זיי

האָבן ניט קיין פליסיק קאַפּיטאַל: אַלעס שטעקט אין אונבאַוועגלעכע גיטער, האָט ער איינגעפירט אַז מען זאָל איינשרייבן אין דעם אַקט, אין די כתובה וואָס דער מאַן גיט זיין פרוי ווען זיי הייראַטן „כל נכסי אחראין וערבאין לכתבתך", אַלע מיינע אונבאַוועגלעכע גיטער זיינען אַ גאַראַנטיע פאַר דעם געלט וואָס איך מוז דיר געבן ווען איך שייד זיך מיט דיר. די צדוקים האָבן די דאָזיקע תקנה באַשטריטן ווייל זי געפינט זיך ניט אין דער תורה שבכתב.

„הלל תיקן פרוזבול", לויט די תורה דאַרף אַ חוב וואָס איז ניט צוריק געצאָלט געוואָרן פאַר שמטה זיין פאַרפאַלן: דער קרעדיטאָר האָט ניט מער קיין רעכט געהאַט איינצומאָנען זיין געלט וואָס ער האָט געבאָרגט. שווינדלער האָבן דאָס געזעץ אויסגענוצט און געשלעפּט זייערע קרעדיטאָרן ביז צום שמיטה יאָר. הלל האָט דערפאַר מתקן געווען, אַז דער קרעדיטאָר זאָל איבערגעבן זיין חוב פאַר שמטה צום בית דין. דורך אַ קאָמענטאַר אויף די פסוקים פון שמטה האָט ער אויפגעוויזן אַז דער בית־דין האָט אַ רעכט איינצומאָנען דעם חוב אפילו נאָך שמטה. דער דאָזיקער אַקט הייסט פרוזבול. די צדוקים האָבן די דאָזיקע תקנה באַשטריטן ווייל לויט זייער מיינונג איז עס קעגן דעם געזעץ פון די תורה, אַזוי האָבן די פרושים צוגעפּאַסט די געזעצן פון דער תורה שבכתב צו די פאָדערונגען פון דער צייט דורכן פרייען דענקן און פון דעם האָט זיך ענטוויקעלט די פרייע טריבונע: דער תלמוד.

דער תלמוד איז דאָס איינציקע ווערק אין דער מענטשלעכער ליטעראַטור ווי יעדן איז געגעבן געוואָרן די מעגלעכקייט אַרויסצוזאָגן זיין מיינונג פריי. מיר היינט, וואָס קאָנען צוריק קוקן וויפל בלוט און טרערן דאָס פרייע וואָרט האָט די מענטשהייט געקאָסט. מיר היינט, וואָס קאָנען אָבשאַצן די ווערט פון אַ פרייע פּלאַטפאָרמע וואָס מיר רופן אָן פאַרלאַמענט, וואו יעדערער דעפּוטאַט האָט אַ רעכט אַרויסצוזאָגן זיין מיינונג איבער די צופּאַסונג פון די געזעצן, קאָנען פאַרשטיין דעם ווערט פון אַ פינף הונדערט יאָריקן בולעטין פון פרייעם דענקן און גלויבן פונעם פרייען וואָרט און מיינונג איבער די פאַרשידנסטע פּראָבלעמען פון לעבן. מיר קאָנען איינשטימען אָדער ניט מיט די מעטאָדן מיט וועלכע די חכמי התלמוד האָבן זיך באַנוצט ביי זייער פאָרשן. מיר קאָנען זיין איינשטימיק אָדער ניט מיט זייער אויסטייטשן פון די געזעצן דאָך מוז מען צוגעבן אַז קיינעמס מיינונג איז ניט געוואָרן אונטערדריקט: ניט קוקנדיק וואָס די געזעצן זיינען געוואָרן אָנגענומען מיט אַ מערהייט שטימען ווערט אויך אין תלמוד געברענגט די מיינונג פון דער מינדערהייט. און ווי ווייט מען האָט געשעצט אויך די מיינונג פון דער מינדערהייט קאָן מען זען פון דעם וואָס מען האָט געזאָגט „אלו ואלו דברי אלהים חיים"—אַלעביידע מיינונגען, פון דער מערהייט און פון דער מינדערהייט זיינען געטליך, הייליק. ווייל זיי האָבן געדענקט „כל מחלוקת שהיא לשם שמים סופה להתקיים", יעדער דיספּוט וואָס זיין ציל איז קאָנסטרוקטיוו, ד.ה., מען דיסקוטירט ניט כדי צו פאַרכאַפּן עפּעס אַ פּאָזיציע, נאָר אום אַ פּראָבלעם צו לעזן, איז אַ דיספּוט וואָס ווערט אָנגערופן לשם שמים, הייליק, און דערפאַר איז יעדענס מיינונג הייליק. דאָך אום צו



שאַפן קאָנסטרוקטיווע אַרבעט, ד.ה. אַז די צאַנקערייען זאָלן ניט אָנגיין אונענדלעך, האָבן זיי געמאַכט אַז יעדעס געזעץ ווערט אָנגענומען מיט אַ מערהייט פון שטימען.

די מעשה מיטן תנור של עכנאי איז אַ באַוויז ווי שטאַרק די חכמי התלמוד האָבן אָבגעהיטן די פאָרמולע פון „אחרי רבים להטות". זיי האָבן זיך ניט געלאָזט באַאיינפלוסן ניט דורך רעטאָריק אָדער דורך די געלערנטקייט פון דער מינדערהייט. ר' אליעזר בן הורקנוס איז געווען דער גרעסטער געלערנטער פון זיין צייט. ער האָט געוואָלט אַרויפצווינגען דורך זיין אויטאָריטעט זיין מיינונג אויף די מערהייט, און ניט קוקנדיק וואָס ער האָט געברענגט באַוויזן פון הימל און ערד, אַז ער איז גערעכט, האָט זיך ר' יהושע אויפגעשטעלט און געזאָגט „לא בשמים היא", די תורה איז ניט געמאַכט געוואָרן פאַרן הימל און מיר אויף דער ערד האַלטן פון דעם „אחרי רבים להטות", מעג די מיינונג פון דער מערהייט אפילו זיין אונלאָגיש בלייבט דאָך די הלכה ווי די מערהייט זאָגט, און אַז ר' אליעזר האָט זיך ניט געוואָלט אונטערוואַרפן האָט מען אים געלייגט אין חרם אַריין; „כדי שלא ירבו מחלוקת בישראל", אַז די צאַנקערייען זאָלן איבער איין זאַך ניט אָנהאַלטן אייביק. מען האָט געשעצט יעדענס מיינונג. מען האָט יעדן געלאָזט פריי ענטוויקלען זיין געדאַנק, אָבער ווען אַ געזעץ איז געוואָרן אָבגעשטימט האָט זיך די מינדערהייט געמוזט אונטערוואַרפן. דאָס אַלעס איז געווען ווען עס האָט זיך געהאַנדלט אין אַ הלכה, אַ געזעץ. אַנדערש איז געווען דער פאַל ווען עס האָט זיך געהאַנדלט אין אַ פילאָזאָפישן אָדער גלאַט טעאָרעטישן פּראָבלעם, דאַן האָט זיך יעדער געקאָנט בלייבן ביי זיין מיינונג.

אויף ווי ווייט מען האָט יעדן געלאָזט פריי קאָן מען זען פון דעם וואָס ר' מאיר האָט געלערנט ביי אלישע בן אבויה, „אחר", וואָס דער תלמוד זאָגט אויף אים, אַז ער איז געווען אַ „קיצץ בנטיעות". ער האָט געגלויבט, אַז צדקות און רשעות קומט פון גאָט און דערפאַר ווער עס איז באַשטימט געוואָרן פון הימל צו זיין אַ רשע העלפט ניט זיין ווילן צו זיין גוט. ר' מאיר באַווייזט עס פון משלי, אַז מען מעג לערנען ביי יעדן איינעם „הט אזנך ושמע דברי חכמים ולבך תשית לדעתי" — בייג צו דיין אויער און הער זיך איין צו די רייד פון די וויסנשאַפטלער, אָבער דיין האַרץ דאַרף זיך ניט אָבקערן פון דער יודאַאישער אידעאָלאָגיע.—

נאָר די וואָס האָבן זיך קיינמאָל ניט אָבגעגעבן מיטן פאָרשן פון די אמתע יודאַאישע פּרינציפּן קאָנען ווערן נתפעל פאַר יעדן ביכעלע וואָס צעלאָזט זיך איבער פרייען דענקן און גלויבן. טאָלעראַנץ איז אַ יסוד פון יודאַאישן דענקן. דאָס יידישע פאָלק האָט זער פיל געליטן פון זיין טאָלעראַנץ. מען איז באַדעכטיקט צו זאָגן אַז דער חורבן הארץ איז געקומען צוליב טאָלעראַנץ, ווייל דורכן טאָלערירן פון פרעמדע אידעאָלאָגיעס אין זיין מיטען, האָבן זיי זיך איינגעבירגערט ביי אַ טייל פון פאָלק און געשאַפן אינערלעכע רייבונגען וואָס האָבן געברענגט צום אונטערגאַנג פון ארץ ישראל. דאָך האָט דאָס יידישע פאָלק ניט אויפגעגעבן די רעכט פון פרייעם דענקן און גלויבן.

אליהו פאלושאק

## „צווישן הימל און ערד“

(אַ באַנד יידישע ליריק פון א. נ. שטענצל, דערשינען אין בערלין, 1936).

יעדע צייט, וואָס איז מעוברתדיק מיט גרויסע און טראַגישע געשעענישן, לאָזט איבער אַ שפור אָדער שליאַדעס אין דער קונסט. און ווען די עפּאָכע איז גראָד אַ קונסט אָרימע, לאָזט זי איבער כראָניקעס, פּאַרצייכענישן, וואָס ווערן שפּעטער, טיילמאָל פיל שפּעטער געפּאַרמט אַלס אַ גאַנצעס פון אַ היסטאָריקער אָדער עפּיקער.

די שטאַרקסטע פּאָרם און מיטל פון קונסט ביי אונדז יידן איז אייביק געווען דאָס וואָרט, די ליטעראַטור, — דאָס שטאַרקע לעבעדיקע וואָרט פון שטראָף און טרייסט פון די נביאים איז נישט צייטגעבונדן און וועט אייביק בלייבן דאָס גרעסטע און שענסטע, וואָס דער יידישער גייסט האָט געשאַפן.

און ווען דער יידישער ישוב איז געוואָרן באַפאַלן פון אַ צרה, איז אין גרויער אַלטער צייט געוואָרן געבוירן דאָס קלאָג־און טרייסט־ליד: אונדזערע תפילות און איכות פון ירושלים ביז דאָ ביי דער טהעמזע; פון ירדן ביז צו דער ווייסל און רהיין און אומעטום, ווו יידן לעבן נאָך היינט אונטער פרעמדע הימלען...

---

מיט דעם נאַציזם אין דייטשלאַנד איז אַריינגעבראָכן דער אָנהייב פונם סוף פון דער יידישער טראַגעדיע. וואו איז געווען דער אָפּגלאַנץ און די אָפּשפּיגלונג אינם לעבעדיקן יידישן וואָרט? אַן אַלטע יידישע עדה, איבער טויזנט יאָר אַלט און כמעט 150 יאָר פאַרבונדן און פאַרוואָרצלט מיטן לעבן און שאַפן פונם אָרומיקן גרויסן דייטשן פאָלק, ווערט פלוצים און סיסטעמאַטיש אַרויסגעשטויסן פון אַלע און אַלעמען; — עס ווערט געשאַפן דאָס גייסטיקע און עקאָנאָמישע געטאָ פון נישט לעבן און נישט שטאַרבן.

יידישע קהלות, און דער יידישער און כלומרשט יידישער מענטש ווערן געצוואונגן לגבי דעם „גאַסט־פאָלק“ צו לעבן אין קאָנקלאַוועס און עקסקלאַוועס, נישט אַריין און נישט אַרויס. . . עס איז נישט דאָס גייסטיקע אָדער די פּאָליטישע רעכט אַליין, וואָס מען נעמט אַוועק ביים יחיד און ביים כלל, נאָר אויך דאָס רעכט פיזיש צו עקזיסטירן. דער ייד איז אַ פרעמדקערפּער, אַ געשוויר. אַ גרויסע עדה יידן, סתם יידן און צוזאַנגס־יידן לעבן עפּעס משונהדיק מטושטש אין אַ פלוצים פרעמדער וועלט אין סביבה. ס׳איז עפּעס גאָרנישט צו פאַרשטיין, ווי מען לעבט און ווי אַזוי מען וועט לעבן—מען הענגט „צווישן הימל און ערד“.

דאָס מערדערישע מעסער בלישטשעט דאַמאָלס נאָך נישט בולט אינם מערדערס האַנט. מען האַלט זיך ביים צוגרייטן צו „דער נאַכט פון די לאַנגע מעסערס“ (דאָס איז זייערס אַ וואָרט). אָבער דאָס מעכטיקע לעבעדיקע וואָרט



פון ווייטיק און שמערץ פון אונדזער זייט און פון מאָרד־געשריי פון זייער זייט האָט באַקומען אַ באַשטימטע געשטאַלט און פּאָרם.

אונדזערע פּובליציסטן מאָנען, אַז מען זאָל טראָגן מיט שטאָלץ דעם געלן פלעק; דער קאַנצעל־רעדנער, דער מאָדערנער בעל דרשן, ווערט אַ פאָלקס־טריבון און רעדט און וועקט אין זיין „טעמפּל“ דאָס אויפגעוואַכטע געוויסן פון אַ געטרעטן פאָלק, און דער דיכטער, דער ליריקער, וואָס טוט ער? איינער קרימט זיך און פאַלט כורעים אין תשובה, אין תפילה; אַן אַנדערער אַנטלויפט גאָר אַוועק צו לעבן אַלס פרייער קינסטלער וואו אַנדערש, וואו מען הענגט נאָך נישט צווישן הימל און ערד; און גאָר אַן אַנדערער, פאַרגייענדיק פאַר בענקשאַפט און טרויער אינדערמיט פון אַ שנאהדיקער וועלט, ווידמעט גאַנץ בענדל לידער דעם בערלינער טירגאַרטן. און ווען דרויסן אויף דער גאַס הילכן די שטיוועל פון היטלערס ברוינע און שוואַרצע אַרמייען און פון זייערע העלדזער דונערט עס ווי אַ בייזער אָרקאַן:

„קאַמעראַדן, סאָלדאַטן!
הענגט די יידן,
שטעלט די באַנצן אַן די וואַנד!“

דערשיינט אַ בענדל ליריש געדיכטן פון א. נ׳ שטענצל „צווישן הימל און ערד“. לידער פון בענקשאַפט און טרויער, געווידמעט דעם טירגאַרטן.

ער איז דאָ, אין דעם ביכל דער לירישער דיכטער,—נישט קיין מוסר־זאָגער, נישט קיין מאָנער, נישט קיין וועקער און אויך נישט קיין בעל־תשובה. ער איז טאַקע אַרויסגעלאָפן פונם היימישן בית־המדרש־געסל, פון דער ישיבה, אָבער ער איז געבליבן ביים מקור, ביים אייביקן קוואַל פון יידיש־לעבן און יידיש שאַפן. ער האָט געטוישט דעם מלבוש פון ייד־זיין און יידישקייט (אויסערלעך), אָבער ער איז געבליבן אינדערהיים, אפילו אין דער פרעמדער שנאהדיקער וועלט צווישן הימל און ערד. ער קען נישט שאַפן לידער פון חרטה און תשובה, ווייל אויף זיינע פּלייצעס ליגן נישט 150 יאָר פרעמד זיין מיטן קוואַל פון זיין לעבעדיקן פאָלק. ווען „היה איש בצאתך ויהודי באהליך“ האָט פאַרלוירן דעם זין פאַרן דייטשן ייד, און ער איז געוואָרן אַריינגעצווינגען אין אַ מצב, אַז דרויסן ציווישן זיי, דעם גאַסטפאָלק, קען ער זיין נאָר אַ ייד... און ווען ער וויל זיין דער דייטש, מוז ער זיך באַהאַלטן אינדערהיים אין זיין לעצט קעמערל, האָט דאָס פאַר אַ מזרח־יידישן „פער גינט“ פון טשענסטאָכאָוו, בענדין אָדער קעלץ גאָרנישט קיין ממשות. פאַר אים האָט זיך גאָר נישט געענדערט. אַזוי איז עס! — דאָס, וואָס דאָ געשעט, איז פאַר אים, שטענצלן, יידישער גורל און —

„קיץ וחרף אתה יצרתם“.

(דאָס איז דער מאָטאָ פון דעם ביכל). נישט גאָט, נישט די נאַטור, נישט דער בערלינער טירגאַרטן; נישט זיינע באַזונגענע פלאַנצן, בלומען און ביימער, נישט די רייכע אָזערעס פון בערלין און דער מאַרק בראַנדענבורג;

נישט די באַזונגענע הויכע און אַלטע דעמבעס, סאָסנעס און בוכן פון גרינעוואַלד, האָוועלאַנד, טרעפּטאָוו און גרינוי; נישט די שוואַלבן, נישט די נאַכטיגאַל אָדער ווילדע קאַטשקעס—זיי זיינען אַלע אין אונדזער אומגליק נישט שולדיק. אָבער טראָצדעם, ווען ער, דער ליריקער, גייט אַרויס אין די גאַס, ווערט אים שווינדלדיק און מאוס, עפּעס שוועבט ער צווישן הימל און ערד.

„פונקט כ׳וואָלט פון אַ שפּיגל אַרויסגעקומען
גיי איך איצט אַרום דאָ אין די גאַסן.
כ׳דערקען נישט די מענטשן, נישט די הייזער,
די טריט מיינע אַזוי מאָדנע געלאַסן.

זיי קלינגען אַזוי פרעמד מיר אין קאָפּ,
מיט געציטער אויף מיין ליפּ, אויף מיין בלאַסער,
איך גיי אַרום ווי יענץ ערדענע קריגל,
וואָס גייט צום לעצטן מאָל צום וואַסער“.

אַן אַנדערש מאָל כאַפּט אים אַרום אַ פינצטערניש. „אַזוי אויסגעלאָשן, אַזוי פאַרלוירן, די גאַסן שרעקן מיט טונקעלע ראָגן“. עפּעס האָט ער אַן אייביק נאָגן אין האַרצן. אפשר וועט פון דער פינצטערניש אַרויס אָנקומען „דער הימלישער וואָגן, וואָס וועט יאָגן און טרייבן“, יאָגן און טרייבן ווייט אַוועק —
„וואו דער הימל הייבט אָן צו טאָגן“.
אָבער נאָך די ספּיקות, האָפנונגען און חלומות, קומט די רעאַליטעט
„די שוואַלבן זיי קאָנען אַוועקפליען,
און זיי וועלן אויך צוריקקומען אין מאַי;
איך — נישט איך קאָן אַוועקפליען,
און נישט איך קאָן צוריקקומען ווי זיי“.

יאָ, דאָס איז געווען און איז די טראַגיק פון פילע מזרח־יידישע „פער גינטס“ אַנטלאָפענע, אַרויס און אַוועק פון קלייזעל, פון בית־מדרש־געסעל אין די גרויסע ווייטע וועלט. נו, עפּעס קען ער נישט אַוועקפליען, אַנטלויפן, זיך ראַטעווען פון דער שנאהדיקער וועלט, וואו מען שאַרפט שוין די לאַנגע מעסער, וואו מען פּלאַנעוועט שוין חרוב צו מאַכן אַ וועלט; יאָ, אַ גאַנצע וועלט, און גאַנץ צוערשט און גרינטלעך אונדז יידן... מען פּלאַנעוועט שוין פּאָגראָמען, געטאָ־מויערן, געטאָ־שטעט, גאַזקאַמערן, די זינלאָזע צושטערונג פון אַ גאַנץ פאָלק . . . יאָ, דאָס ווייסן מיר נאָך נישט דעמאָלט, דאָס ווייס אויך נישט שטענצל. און אין זיין פרעמדקייט אין דער סביבה און מיט דער סביבה דערלעבט ער אויך פּערזענלעכע קריזיסן, און זיי דריקן זיך אויס נישט אין אַן איינמאָליקן אויפשריי, אויפרוף אָדער פּראָטעסט, נאָר אין אַ זעלטענעם און שיינעם, זער שיינעם בענדל געדיכטע פון בענקשאַפט און טרויער און געווידמעט דעם טירגאַרטן, יאָ, דעם בערלינער טירגאַרטן.

יאָ, דאָס בענדל שירים איז שיין און זעלטן. און אַזוי ווי דער גורל האָט געוואָלט, אַז ער קען נישט אַוועקפליען און האָט אים צוגעבונדן צו זיין דאָרט



אין דער שנאה׳דיקער וועלט פון האַס און מאָרד, פאַרגעסט ער די וועלט (אפילו זיין אייגענע וועלט) און מענטשן און פּראָבלעמען און פאַרבינדעט זיין פּערזענלעכן אומעט און שמערץ מיט דער אָרגאַנישער וועלט פון פייגל, חיות, ביימער און בלומען.

יאָ, דאָ איז שטענצל אָריגינעל, זעלטן און משונהדיק! אַזוי אָריגינעל, משונהדיק און זעלטן, ווי ס׳איז געווען די דאַמאָלטיקע איבערגאַנגס־עפּאָכע פאַר דער גרויסער טראַגעדיע, אַן עפּאָכע וואו מיר האָבן געלעבט אָדער געהאָנגען „צווישן הימל און ערד“.

---

יוסף הלל לעווי

## מלך ראַוויטש א בן חמשים

.1

איך דאַרף נאָר דעם נאָמען ראַוויטש דערמאָנען, און שוין טויכט פאַר מיר אויף מיין נאָנטע פאַרגאַנגענהייט. אָט ווי ערשט נעכטן וואָלט עס געווען — אַרבעט איך נאָך אַ האַלבן טאָג האַנט־טאַשן אויף אַ „זינגער־מאַשין“, און דעם אַנדערן האַלבן—גיב איך זיך אָפּ מיט לייענען, לערנען און שרייבן. אין דעם אָרימען חדר פון מיין טאַטן דעם סופר. זיין דבקותפולער ערלעכער און מלאכת־הקודש איבערגעגעבענער לעבן הערט מיך ניט אויף צוצוציען, הגם איך בין שוין לאַנג פון אים דערווייטערט. . . אָפטמאָל בעט ביי מיר דער טאַטע איך זאָל נאָך מעין בספר זיין, כדי דאָס לערנען ניט אינגאַנצן צו פאַרגעסן.

אין די אויפדערנאַכטן גיי איך אינם „בילדונגס־פאַריין“ פון די יוגנטלעכע אַרבעטער און פּראַקטיקאַנטן—וועלכן דער טעאַטראַל יעקב קענער, אָנפירער פון די יוגנטלעכע אַרבעטער האָט געהאַט אָרגאַניזירט איבער גאַנץ גאַליציע.

פון אים באַקום איך טאַקע די ערשטע לעקציע פון יידיש—ביינאַנט מיט מיין אומפאַרגעסלעכן יוגנט־פריינט שכנא זאַגאַן (געוועזענער לינקער פועלי־ציון, געפאַלן אַלס אַן אָנפירער אינעם „וואַרשעווער געטאָ“). זאַגאַן איז מיט דער צייט געוואָרן אַ פאַרעקשנטער תלמיד וועלכער האָט יום ולילה מיט גרויס התמדה עוסק געווען אין: מאַרקס, פּלעכאַנאָוו, קאַוטסקי, אַדלער און בערנשטיין,—איך האָב מער געהאַלטן פון פּרץ, עדעלשטאַט, ראָזענפעלד און אברהם רייזענען.

נאָך אַ קורצע צייט פאַנגט ש. זאַגאַן אָן מיט פּובליציסטיק און איך מיט לידער: אין דער „אַרבעטער יוגנט“, „יידישן אַרבעטער“, „לעמבערגער טאָגבלאַט“, און „סאָציאַלדעמאָקראַט“, וואו איך פלעג זיך אָפּט באַגעגענען מיט ש. י. אימבער, יעקב מעסטעל, פרידא האַלפערן (דער אַמאָליקער פּסעדאָניום פון מ. ל. האַלפּערן) און לסוף אויך מיט מלך ראַוויטשס שלאַנקע פאַרקלערטע לידלעך.

נאָך אַ שטיקל צייט באַווייזט זיך באַלד אינעם „סאָציאַלדעמאָקראַט“ פון צ. ח. בערגנער (מלך ראַוויטש) „אַ קריטיק וועגן דער גאַליצישער יידישער לי־

טעראַטור". מ. ראַוויטש דעמאָלט כמעט נאָך דער ייִנגסטער פונעם גאַליצישן קאָר, שרייבט אָן אַ פאַרהעלטניסמעסיק גאַנץ זאַכלעכע קריטיק איבער ייִנג־גאַליציע.

יוסף לעווי שרייבט ער: „זע וואָס איז געזאָגט געוואָרן איבער פרידא האַלפערן — „„ טיטאַנישער לייכטשרייבנדיקער דיכטער, ווייכער פערז אָן ריטמיק, צומאָל פיינע געדאַנקען, אָבער רוי אין שרייבן." מיר האָט ראַוויטש נאָך מוסיף געווען אַ פאָר שטעכעדיקע ווערטער: „ניט עס פאַקט אייך לעוויס טאַלענטירטער מאָמענט,—נאָר עס ווילט זיך לעזן, און עס לעזט זיך אַנגענעם". אין אמתן געזאָגט, האָב איך זיך דעמאָלט אַביסל פאַרלעצט געפילט און צו ראַוויטשן תרעומות געהאַט, מחמת איך האָב זיך מיט אַ סך קעפּ העכער געהאַלטן ווי ראַוויטש האָט מיך געהאַט אָפּגעמאָסטן. אָבער איך האָב עס אים באַלד מוחל געווען, ווייל נאָך אַ קורצער צייט איז צו מיר פלוצים אין אַ שיינעם העלן טאָג אָנגעקומען אַ לידער ביכל „אויף דער שוועל" פון מ. ראַוויטש (אומגעפער אינעם יאָר 1910—1912). דאָס זיינען געווען שלאַנקע, פאַרקלערטע, דיכטערישע געזאַנגען, אַ פאָר שורות פון זיי זיינען מיר נאָך עד היום אין מוח פאַרקריצט געבליבן און אויב איך האָב ניט קיין טעות לייענען זיי ייך:

אין וואָלקן וואַלן געיאָגט פון אַ ריר,
פון רויזן געוויגטע אין הימלס־סאַפיר —
אַ וויגעלע טראָגן מלאכימלעך פיר,
אַ גאָלדענע, קינדישע האַרץ ליגט אין איר . . .

אין ביכל האָט זיך אויך געפונען אַ צושריפט צו מיר: צום אָנדענק יוסף לעווי. אין אַ פאָר טאָג אַרום האָב איך באַקומען דאָס ערשטע קאַרטל פון מ. ראַוויטשן—וואו ער בעט מיך איבער די לידלעך עפּעס אָנצושרייבן, נאָר דעמאָלט ווען זיי וועלן מיך אינספּירירן. דערפאַר טאַקע באַלד נאָכן אַדורכלייענען דאָס ביכל האָב איך זיך צו ראַוויטשן שוין נאָנט און פאַרבונדן געפילט, אפשר האָט ער עס אויך אינסטינקטיוו מרגיש געווען... ווי עס זאָל ניט געווען זיין איך האָב וועגן ראַוויטשן שוין ניט אויפגעהערט צו טראַכטן, און אַמאָל טאַקע בעת איך בין אויף און אָפּגעגאַנגען אין אונדזער אָרימער איינצימער־וואוינונג, וואו עס איז געזעסן פאַרטיפט איבער אַ יריעה מיין פאָטער דער סופר, פאַרענדיקט דאָס עמוד מיט זיין פערלדיקן סופר כתב, האָט עס געקלאַפּט אין טיר, און ס'האָט זיך באַוויזן פאַר מיר אַ בחור מיט שוואַרצע דורכדרינגנדיקע אויגן און אַ בלאַסן פנים. איך בין פון מיין נייגעריקייט גלייך באַפרייט געוואָרן ווי נאָר איך האָב דערהערט דעם נאָמען: מלך ראַוויטש.

באַלד רעדן מיר ווי אַלט באַקאַנטע חברים. ער אַנטשולדיקט זיך ביי מיר וועגן דעם ניט גאַנץ ריכטיקן אָפּשאַצן מיך אין „סאָציאַלדעמאָקראַט" (אָרגאַן פונעם גאַליצישן בונד) און שוין שפּאַצירן מיר אין די באַרימטע „קראָקעווער אַלעען". ראַוויטש ווערט גאָר אינטים, אָבער צעגלייך אויך ערנסט, ער רעדט וועגן דער יידישער פאָעזיע, וועגן גאַליצישע דיכטער און צום סוף וועגן זיך.



צווישן פאַרשידענע אַנדערע פראַגן פרעגט ביי מיר ראַוויטש פלוצים האַלב אויף אַ אמת און האַלב בדרך הלצה: וועלכע דיכטער איך האָב אַמליבסטן צו לייענען? — איך טראַכט נאָך אַ ווײַלע און ענטפער אים: „סלאָוואַצקין". אָבער פרעג ביי אים באַלד דאַרויף—און איר, וועמען לייענט איר אַמליבסטן? „איך, ענטפערט ער גלייך אַנטשלאָסן: איך לייען אַמליבסטן מלך ראַוויטשן! נאָר מיר דוכט זיך אַז דער פריערדיקער שמייכל זיינער ציט זיך נאָך מער איבער זיינע ליפּן־אויס. איך טראַכט ביי זיך—אפילו אַביסל חוצפּהדיק, אָבער עס דערוועקט זיך פאָרט אין מיר אַ געוויסער דרך ארץ פאַר אים, מחמת אַזוי רעדן, טראַכט איך, קען נאָר אַן אמתדיקער דיכטער, און איך בין אים מקנא פאַר זיין אָפנקייט... בלי שום ספק, ווערט ביי מיר זיכער אַז דאָס זיינען סמנים פון אַ בעל מדרגה... מיר שמועסן ווייטער און קריכן אַריין אין אַ לאַנגער ייִנגלישער דעבאַטע וועגן ליבע; ביז דער היינטיק ניכטערער און רעאַליסטישער ראַוויטש (וואָס איז נאָך דעמאָלט זער ראָמאַנטיש געשטימט געווען און געהאַט אַ שטילע נטיה ווי אַלע ראָמאַנטיקער צו ביטל און יאוש) פאַרלאַנגט ביי מיר איך זאָל אים ווייזן דאָס אינערלעכע קראָקע. מיר גייען דורך די קראָקעווער „שלאָספלאַנטעס", און קומען צו צום „וואַוועל" — איך פיר אים אַריין אין פוילנס פאַנטעאָן: ווו ס'רוען מלכים און דיכטער, און ס'געפינען זיך אויך פאַרשידענע קונסט־חפצים. פאַר די טויערן פון דער קירך וואו מיר גייען אַריין הענגען אַ בינטל ריזנקנאָכן לזכר פונעם קראָקעווער „סמאָק" (אַ מין דראַכן איבער וועלכן מען דערציילט פאַרשידענע לעגענדעס). אַ טייל פון דעם דאָזיקן קירכנדאַך, זאָגט מען, איז אויס גאָלד. ראַוויטש פאַרקוקט זיך אויף דעם געוועלבטן קירכנפלאַטאָן און אויף די באַצירטע קירכנווענט פון וועלכע עס הענגען אַרונטער טייערע טעפּיכן, אויף וועלכע ס'זיינען אויסגעהאָפטן פראַכטפולע סצענעס פון דער ביבליש־פאַטריאַרכאַלישער צייט. איך ווייז ראַוויטשן אויך די אויסגעבעסערטע בילדער אויף די פענסטער־שויבן פונעם באַרימטן פוילישן דיכטער און מאָלער סטאַניסלאַוו וויספּיאַנסקי. ראַוויטש באַוואונדערט די אַנטיקע שניצערייען, אָרנאַמענטן, קונסטגעמעלדעס, סקולפּטאָרן און אַלטערטימלעכע זילבערפּלאַטן מיט גראַווירונגען פון דער פוילישער היסטאָריע...

ראַוויטש איז נתפעל, אָבער ניט דאָס אַלץ מיין איך — רוימט ער מיר שטיל איין. איך וויל זען דאָס קבר פון פוילנס גרעסטן דיכטער און נביא — אַדאַם מיצקעוויטש. מיר לאָזן זיך אַראָפּ דורך די קאַטאַקאָמבן, און קומען צו צו דעם סאַרקאָפאַג פון אַדאַם מיצקעוויטש,—פאַרטרוקנטע רויזן, פרישע פאַרגעסמיכנישט און לאָרבערקרענץ ליגן אויף דעם שטיינערנעם ארון און וועבן סודותדיקע הייליקייט אַרום זיך...

ראַוויטש בויגט זיך אַראָפּ און קושט די שטיינערנע מלאכימלעך אויף די ליפּן, וואָס אַרום מיצקעוויטשס ארון און שווייגט. עס האָט אויף מיר געמאַכט דעם איינדרוק ווי אַ פאַרדבקותטער ייד וואָלט געשטאַנען יום כפור פאַר נאַכט צו כל נדרי ביי אַן ארון קודש, מיט אַן איבערגעפולט האַרץ פון יראה און קדושה...

אַרויסגייענדיק פון „וואָוועל" האָב איך ראַוויטשן צום קראָקעווער באַנהאָף געבראַכט, זיך האַרציק מיט אים געזעגנט און געבליבן פאַרקניפּט מיט אים עד היום הזה.

צייט דעמאָלט האָבן מיר זיך אויך אָנגעהויבן צו שרייבן בריוו און צוצושיקן ביכלעך. און האָב איך 1915 געמוזט איינריקן אינעם עסטרייכישן חיל, איז האָב איך אַלס ערשטע מלך ראַוויטשן און משה זילבורגן אין ווין אויפגעזוכט. בעת דעם גאַנצן ערשטן קריג האָבן מיר זיך געטריי אַדורכגעשריבן; און פון וואָסער ליטעראַרישע אונטערנעמונגען מען האָט ניט געזאָלט פּלאַנעווען, האָט ראַוויטש מיר תיכּף מודיע געווען און מיך תמיד פאַרבעטן מיטצואַרבעטן. און בעת קיינער האָט מיינע „סופר־לידער" ניט אין אַכט גענומען, און זיי האָבן זיך נאָך געוואַלעגרט אין רעדאַקציע קוישן (מחמת פאַר די ראַדיקאַלע זשורנאַלן זיינען זיי געווען צו אַלט, און פאַר די אַלטע זשורנאַלן צו ניי . . .) איז ראַוויטש געווען פון די ערשטע וואָס האָבן מיך מקרב געווען, געשריבן מיר באַגייסטערטע בריוו, גורם געווען זיי זאָלן דערשיינען. און ווי אַן אייגענער ברודער האָט זיי ראַוויטש אויסגעסדרט, קאָרעגירט און וואו ס'איז נייטיק געווען, אויך משנה שם געווען, פּשוט ניט איינגערוט ביז זיי זיינען צו מזל אַרויס פון דרוק. דערפאַר איז מיין ערשטער שריט ווידער געווען ווין, אויפצוזוכן ראַוויטשן ווי נאָר דער קריג האָט זיך געהאַט פאַרענדיקט. איך האָב דעמאָלט ראַוויטשן ניט אָנגעטראָפן, מחמת ער איז געווען אַוועק זיך צו ערהאָלן אין אַ דאָרף 8 שעה פון ווין. און ווען איך האָב אינעם יאָר 1930 געמאַכט אַ טורניי איבער פּוילן, איז ווידער ראַוויטש געווען פון די ערשטע אָנטיילנעמער אויף דעם אָוונט וואָס יעקב קענער און שכנא זאַגאַן (פירער פון די לינקע פּועלי ציון) האָבן פאַר מיר געהאַט אַראַנזשירט. און בעת איך האָב זיך אָנגעהויבן צו ווערגן אין די פינצטערע לאָפּעס פון די מינכענער „געסטאַפּאָ",—איז ראַוויטש אויך געווען צווישן מיינע נאָנטסטע און טייערסטע פריינט ווי דר. י. י. שטיינבערג, דר. ש. בירנבוים, אלמי, פישל בימקאָ, בן־א. סאָכאַטשעווסקי, א. נ. שטענצל, י. א. ליסקי און דוד איגנאַטאָוו, וועלכע האָבן מיר געהאָלפן אַרויסראַטעווען זיך פון דעם פאַרשאָלטענעם בלוטיקן האַקנקרייץ. אפשר דערפאַר טאַקע האָט זיך דער מינכענער „געסטאַפּאָ" דאָס אַזוי פאַרגליסט צווישן אַ סך אַנדערע ווערטפולע דאָקומענטן, אויך ראַוויטשנס בריוו צו קאָנפיסקירן, פאַרכנענדיק אים צו די גאַנץ געפערלעכע יידישע באָלשעוויסטן.

אָט אַזוי איז אין לייד און פרייד מ. ראַוויטש פאַרבליבן — ניט נאָר מיין נאָנטסטער פריינט, נייערט אויך פון די נאָנטסטע דיכטער מיינע....

.2

ווען איך פאַרטראַכט זיך וועגן ראַוויטשן, מוז איך אויך תמיד וועגן זיינע ווערק דענקן און איך זע ווי איבער זיין ערשט ביכל „אויף דער שוועל",—הענגט נאָך אַ פאַרנעפּלטער יוגנט־שלייער, אָבער פון דער פאַרנעפּלטקייט ווייזן זיך שוין אַרויס צופלאָסענע בונטן פון דער אויפגייענדיקער זון, און פון דעם דאָזיקן שימער ווערן אויך באַלויכטן אַ סך שפּראָצונגען און בליטן . . .



אין זיין „רואינגראָז", — איז ראַוויטש שוין גערייצטער, דורכזיכטיקער, אָבער נאָך פאָרט ניט גאַנץ צייטיק, ווייל ער איז דאָרט מער זוכער און טרוימער ווי דיכטער.... „שפּינאָזאַ—איז שוין אַן אָריגינעלערע פיינע פּאָעמע, אין וועלכער דער דיכטער פאַרשטייט אַרויסצוברענגען אין אַלעגאָריש, סימבאָלישע בילדער, דאָס רייכע, ריינע, לעבן און די דערהויבענע געדאַנקן פון דעם איינזאַמען גרויסן פילאָזאָף ברוך שפּינאָזאַ. די פּערזיפּעקטאַציע פון דעם ווערק איז אַן אייגנאַרטיקע,—געוואויגן און געשליפן און גיסט זיך האַרמאָניש צענויף מיט די געפילן, בילדער און געדאַנקן. עס זיינען אין דער פאָעם דאָרט פאַראַנען מייסטערהאַפטע לידער,—פאַנטעאיסטיש אין דער פאָרם און טיף ליריש אין אינהאַלט; וואָס זייער דופט און קלאָריט טראָגט זיך ווייט און שימערט אַריין ווי הערלעכע בלומען, ניט נאָר אין דער יידישער, נייערט אויך אין דער וועלט־פּאָעזיע. אין זיינע „נאַקעטע לידער" דערגרייכט ראַוויטש אָפט אַ גרויסע מאָס פון אוביוועריזעלער פאָלקאָמענקייט; ער איז סאָציאַל און אינדיווידועל, אָבער תמיד אַדורכגעדרונגען פון אַ פיינעם לירישן געפיל.

אין זיינע „פּרעהיסטאָרישע לאַנדשאַפטן",—דערהויבט זיך אָפּטמאָל זיין עפּיש נאַטוראַליסטישער טאָן, איבער דער אַפּאָטעאָזע פון דער מגושמדיקער פּרימיטיוויטעט. צומאָל פאַלט אָבער אויך די זיסקייט פון זיין וואָרט, די זינלעכקייט פון זיין נשמה און די שיינקייט פון זיין גייסט אַ קרבן פון דעם דאָזיקן נאַטוראַליזם... און איך זע מלך ראַוויטשן די קרעאַטור,—וואָס האָט זיך אַרויף אַנטוויקעלט פונעם נידעריקסטן וועזן צום אַף, און פון דער אַף צום מענטש; ווייל אָבער ווי ניטשע ביים מענטשן ניט שטיין בלייבן, נאָר זוכט צו פאַרוואָרפן דורך פאַרשידענע וויזיעס און אילוזיעס, אַ בריק פונעם מענטשלעכן גייסט צום „איבערמענטשן", אָדער צו דער אייביקייט נאָך וועלכער ער בענקט אַזוי אייביק; מחמת ער דערזעט זי אַלס אַזאַ געהייליקט און געלייטערטן אידעאַל וואָס וואָלט געווען מסוגל יעדע קרעאַטור פון איר שפלות צו דערהויבן און זי אויסצולייזן ווען זי וואָלט זיך נאָך געקענט פאַרבענקן נאָך איר,—און ווען עס וואָלט געווען בכוח די מענטשלעכע קרעאַטור איבערמענטשלעך צו רעאַליזירן... און דערפאַר האָט ראַוויטש אַזוי רחמנות אויף די אַלע קאָנאַניזירטע אידעאַלן און אידייען וואָס זיינען דאָס רוב ניט שטאַרקער, העכער און ריינער, ווי דער מענטש וואָס טראָגט זיי צו פאַרווירקלעכן . . .

און אַזוי ווי ניטשע און סטעפאַן געאָרגע — האָט אויך ראַוויטש פאַרשטאַנען באַצייטנס צו דערווייטערן זיך פון דעם באַרבאַרישן רייך, פון דעם צו נאַקעטן וואָרט, וועלכעס פירט סוף כּל סוף צום ציניזם...

אין ראַוויטשס נשמה קעמפן — „דיאָניזאָס און אהאסווער", און אַזוי ווי פּראָמעטיי צום פעלדזן געשמידט איז ער געוואָרן פאַרדאַמט צו ליבן די אייביקייט און אייביק צו ליבן; טראָגן אַלע יסורים און פּיין פונעם קורצן, פאַרגענגלעכן לעבן . . .

פון ראַוויטשס לידער ווירבלט אַ שטורעמדיקע נאַטור, וואָס איר איז ליבער דאָס ברילן ווי דאָס צוויטשערן און זיפצן,—ווייל ער איז דער אַפּאָסטאָל פון

צער און ליבע, פון שטורעם און רו, און זיין עוואַנגעליום איז דער „וועגעטאַריזם“; די הייליקייט און אָפּהיטונג פון יעדן בלוט, ווייל ווער עס האַלט ניט הייליק און היט ניט אָפּ דאָס בלוט אַפילו פון דער קלענסטער חיה, קען אויך דאָס בלוט פונעם מענטשן ניט אָפּהיטן . . . אָט פון דעם דאָזיקן זילבער קלאָרן און טיפן ברונען, שעפּט ראַוויטש זיינע וואונדערבאַרסטע לידער, וואָס וועלן קיינמאָל אין דער יידישער פּאָעזיע ניט פאַרקלינגען, — פאַר זייער טיפקייט, שטאַרקייט און פּלאַסטישקייט.

ראַוויטש איז ניט קיין אימפּרעסיאָניסט און אויך ניט קיין עקספּרעסיאָניסט, — נאָר אַ פאַרקינדער פון אַ קונסט וואָס שטייגט אָפּט אַריבער די גרעניצן „פונעם גוטן און בייזן“, הגם ער טראָגט אין זיך די מאָראַלישע פאָדערונג פון זיינע פאָרגייער די נביאים — וואָס זייער אויפגאַבע איז ניט געווען ווי די פון שעקספּיר, געטע, און דאָסטאָיעווסקין—צו ווייזן דעם מענטשן בלויז ווי ער איז, נאָר אויך ווי ער באַדאַרף צו זיין, און צו ווערן . . .

ראַוויטש האָט ליב תמיד צו וואַנדערן, די אויסגעטרעטענע וועגן מיט אַלע באַגעגענישן הינטער זיך צו לאָזן, — זוכן נייע, געפערלעכע און אומבאַקאַנטע וועגן; אויף די דאָזיקע זיך ווייטער צולאָזן צו זיינע אומענדלעכע צילן . . .

אין זיינע לידער: „פון וועלטן און אָצעאַנען“ — דערגרייכט ראַוויטש שטעלנווייז צו אַזאַ מין געלייטערטן און טיפן ליריזם, וואָס דערמאָנען אָן איבסנס „פּערגינט“ און אָן געטעס „אָלימפּישע לידער“. ער אַנטלויפט פון זיין איך און באַהאַלט זיך אינעם קאָסמאָס, באַלד אַנטלויפט ער ווידער פונעם קאָסמאָס און באַהאַלט זיך אין זיין איך . . . ראַוויטשס פּערזיפיקאַציע וואַרפט זיך דעמאָלט אַזוי ווי אַ טייך פון זיינע ברעגעס אַרויס, און שליידערט אַראָפּ פון זיך די אַלט־גריכישע אויסגעקינצלט אויסגעוואויגענע, מאַטעמאַטיש־סימעטרישע מאָסן: פון יאמבן, טראָכייען, העקסאַמעטרן, פּענטאַמעטרן וכדומה, און בלייבט אַן אויפגעריסענער פרייער,—ווייל דער ברויזנדיקער אינהאַלט פון זיינע לידער רייסט תמיד די פאָרעם אויף, און פון דער דאָזיקער פאָרעמלאָזיקייט טורעמט זיך אָפּטמאָל די אָריגינעלסטע פאָרעם אויס...

ראַוויטש האָט אויך אַ בוך מיט דראַמען פאַרעפנטלעכט, וועלכע טראָגן אַ באַזונדערן כאַראַקטער. מ׳קען קען ניט זאָגן, אַז ראַוויטש איז דער געאייגנטסטער דראַמאַטורג,—מחמת עס פעלן אים די שפּעקולאַטיווע פאַרכאַפּנדיקע איינפאַלן, וואָס מאַכן קאָמפּליצירטער און אינטערעסאַנטער די אַקציע, ביז זיי דערפירן דעם העלדן צום קלימאַקס. אָבער פאַראַנען אין דעם דראַמען בוך אויך אַ פּיעסע: „בלוט אויף דער פאָן“ — דאָס איז אַ גרויסער פאַרמעסט, אַ שאָד וואָס ראַוויטש איז ניט ווייטער אויף דעם דראַמאַטישן וועג געגאַנגען און זיך צו נייע טעמעס פערמאָסטן . . .

וועגן ראַוויטשס עסייען האַלט איך וועט ניט זיין איבערגעטריבן ווען איך וועל זאָגן: אַז ער באַלאַנגט כמעט צו די פיינסטע עסייאיסטן אין אונדזער ליטעראַטור,—וואָס זיינען אייביק בילדלעך, זינרייך, אינטערעסאַנט און איינספּירירנדיק.



מלך ראַוויטש דער בן חמשים, איז געווען און בלייבט תמיד אַ זוכער—פון שיינעם, גוטן, גערעכטן און פרייען לעבן. און וואו ער האָט נאָר אַ סימן דערפון דערזען איז ער באַלד באַגייסטערט געוואָרן, און אויך אונדז באַגייסטערטע געמאַכט דערמיט . . . נאָר ווי יעדער זוכער פאַרמאָגט ער אויך ליכטיקע אַ:נגען און שווערע פאַרגעפילן ווען זיין האַרץ זינגט:

„און דער וועלכער זעט, וועט עס וויסן אַליין,
אויך דו האָסט דעם סימן אין אים ניט דערזען,
אַזוי ווי עס זעט ניט דער טאָג נאָך זיין ווערן,
דאָס ליכט פון מאָרגנשטערן . . .“ (שפּינאָזאַ).

ראַוויטש האָט נאָך זיין לעבנסבילד ניט אויסגעזונגען, זיין רייכע נשמה און טיפער גייסט וועט אונדז נאָך מיט אַ סך שיינקייטן בענטשן, ער וועט באַשאַפן עפּעס וואונדערלעכעס, ריינעס, אַזוי וואונדערלעך און ריין, ווי עס איז זיין גאַנצער וועזן.

ראַוויטש איז ניט נאָר אַ דיכטער אין זיין שאַפן,—נאָר אויך אינעם לעבן; ער געהערט ניט נאָר צו די באַדייטנדיקסטע יידישע פּאָעטן, נייערט אויך צו די אינטערעסאַנטסטע און גרעסטע יידישע וואַנדערער, וועלכע האָבן אונדז פון אַלע זייערע נסיעות תמיד מיטגעבראַכט די וואונדערליכסטע עקסאָטישע פלאַנצן...

איך ווינטש מיין דיכטער און פריינט מלך ראַוויטש נאָך אַ סך קרעפטיקע, שעפערישע יאָרן, זאָלן זיך זיינע ווערק כסדר נאָר פאַרמערן און באַרייכערן אונדזער יידישע ליטעראַטור, פאַר וועלכערער איז געווען און בלייבט אַן אייביקער ענטוזיאַסט און קעמפער. זאָל ער אויך דערלעבן בעסערע און גליקלעכערע צייטן,—פאַר זיין אייביק גערודפטן און געפייניקטן פאָלק—פאַר וועלכן ער לעבט, ליידט, קעמפט און זינגט.

קליפּמאַן, דעם 10־טן יולי, 1944.

## בן-א. סאַכאַטשעווסקי (פון זיין בוך „למד“)

## רודאלף ראקער

אַז דזשובילי סטריט האָט געחלומט חלומות
אין „אַרבעטער פריינט“ פאַר דעם ציל פון דער וועלט,
און ראָקער דער דייטש האָט אין יידיש געחקרנט
אַזוי ווי אַן אמתער למדן פאַרשטעלט.

ווייל טיף איז געווען זיין תורה פון לעבן,
וואָס מיינט אַנאַרכיזם און וואָס ער באַדייט,
און ווי אַזוי ס׳וועט זיך דער עתיד פאָרמירן,
ווען העלער און בעסער וועט זיין אונדזער צייט.

און האָט ער גערעדט איבער לאַסאַל, קראָפּאָטקין,

האָט עולם באַטראַכט אים מיט חידוש אין בליק,
אַט פונקט ווי אַ שטייגער, אַז שפּעטסטנס נאָך מאָרגן
וועט אויפגיין דער טאָג שוין פון ליכטיקן גליק.

## דער שבת-נאַכמיטאָג לכבוד רודאָלף ראָקער

איז דאָך נאַטירלעך, אַז „פריינט פון יידיש לשון" זיינען געווען די ערשטע, וואָס האָבן געפייערט רודאָלף ראָקערס יובילעאום דאָ ביי אונדז אין ווייטשעפּל, האָט דאָך ראָקער דאָ אין ווייטשעפּל זיך אויסגעלערנט יידיש, און זיין קול־טור־טעטיקייט אין דער יידישער שפּראַך איז דאָך בעיקר געווען דאָ צווישן די אַרבעטער מאַסן פון אונזערע געסלעך.

און זעענדיק דעם צענדליק מנינים האָראָפּאַשנע יידן, בשעת „די ראָבאָטס" האָבן געהאַלטן אין איין פליען איבער אונדזערע קעפּ,—וואָס דאָס האָט נאָך פאַרגרעסערט און פאַרדייטלעכט דעם כבוד־אויסדרוק, פונם געפייערטן און געגעבן קרעדיט אונדזער ווייטשעפּל, וואָס האָט נישט פאַרגעסן איר געטריי־שאַפט נאָך 30־50 יאָר צו דעם יעניקן וואָס האָט זיך מיט לייב און לעבן זיי איבערגעגעבן,—האָב איך מיך דערמאָנט די ליבע רודאָלף ראָקערס, וואָס ער טראָגט אין זיין האַרצן צו די ווייטשעפּעלער געסלעך דאָ.

ווען נאָר איך פלעג טרעפן ראָקערן אין בערלין איז זיין מויל פול געווען מיט פרייד און מיט שבחים איבער דעם ווייטשעפּעלער יידישן האָראָפּאַשניק.

דעם „מה טובו אוהליך יעקב!" פלעגט ער אויסזינגען איבער אונזערע פאַרשעמטע ווייטשעפּעלער געסלעך, איבער זיי, וואָס קיין איבעריק גוט וואָרט האָט קיינער פון אונזערע יידישע און העברעאישע שרייבער נישט געהאַט.

אונדזער שבת נאָכמיטאָג לכבוד זיין יובילעאום האָט באַוויזן, אַז ווייטשעפּעלס ליבע צו ראָקערן איז ניט וויניקער ווי זיינע צו אונדזער ישוב.

## מיטטיילונגען איבער די קומענדיקע שבת-נאַכמיטאָגס

(אין יידישן רידינג־רום, 38, אַדלער סטריט, א.1.—3 נאָכמיטאָג)

שבת, דעם 5־טן אויגוסט וועט זיין דער טראַדיציאָנעלער שבת־נחמה־נאָכמיטאָג.

שבת, דעם 12טן, וועט מ. מינדל האַלטן אַ פאָרטראָג: די משיח־אידעע אין דער נייער יידישער דיכטונג.

שבת, דעם 19־טן, וועט רעוו. ש. ראָטה, האַלטן אַ פאָרטראָג די רע־וואָלוציאָנערע העלדן אין דער ביבל.

שבת, דעם 26־טן, וועט זיין געווידמעט דעם שאַפן פון דעם יעצט פאַרשטאָרבענעם גרויסן יידישן שרייבער יונה ראָזנפעלד.

**א. נ. שטענצל**

**פרייז 1 שילינג**

פערלאַג און דרוקעריי י. נאַראָדיצקי און זין, 129 קאַוועל סטריט, לאָנדאָן, א.1

TOWER HAMLETS LIBRARIES



לאנדאן-ווייטשעפל
סעפּטעמבער 1944—נומ. 56

# פינף יאר מלחמה

## מלחמה און קולטור

אויב מלחמה איז דער גרויסער אויפּטו פון דער שנאה אין דער בריאה, פון דער בייזער צעשטערונג־תאוה אין איר, אַלצדינג דערפונדענע און דער־פאַרענע, געלערנטע און אויסגעקלערטע צו קענען געברויכן און אויסצונוצן פאַר צעשטערונג און כאַאָס,—דאָס גאַנצע וויסן וואָס מיר האָבן די גאַנצע וועלט ווידער צוריקצוברענגען צו תוהו־ובוהו! — מוז דעריבער זיין די גרויסע אויפגאַבע פון די ליבע אין די בריאה־מענטש, דעם געוואַלטיקן אָנשטרענג און די ליידנשאַפטן פון די כוחות, וואָס צעשטערונג טראָגט אין זיך, צו קולטיווירן און צו צוימען פאַרן נוצן פון דער וועלט. תופס צו זיין אין זיך אָט דעם גע־וואַלטיקן אָנשטרענג און די פערוואַנדלונג פון דער ווילדער מלחמה־חיה אין אַ נוצלעכע, זי איינצופאַנגען און צו צוימען, דערפאַר דער גאַנצער דזשאָנגל־וועג מיט די כלערליי כלי־משחית און מלחמה כלי־זיין.

און איז נישט דער פּעגאַזאָס, דאָס באַפליגלטע פערד פון דער גרויסער וועלט־דיכטונג, אַזאַ איינגעפאַנגען מלחמה־פערד, אַ ווילד־אויפגעהירזשעטס, אַ דיבאָם־זיך־אויפגעשטעלטס, אויף וועלכן דער צבאות־גאָט זיצט און צוימט עס איינמיטן זיין צעשוימטן ווילדן ריט מיט די לייצן אין זיינע הענט.

וואָס זיינען דען די גרויסע שירה קאַפּיטלעך אין תנ"ך, דאָס „אז ישיר"־ליד, דאָס דבורה־ליד, אויב נישט געזאַנגען פון מלחמה־נצחון און געוואַלטיקן הערואיזם? און וואָס איז די „עליאַדע" און די אודיסעע" פון האָמער, און אַלע עפּאָכע מאַכנדיקע גרויסע דיכטונגען און שאַפונגען פון אַלע צייטן און אַלע פעלקער?

מיר, די בריאה מענטש, וועלן זיך דאָך שוין נישט אַרויסדרייען פון אָט די נאַטור כוחות ווי לאַנג מיר וועלן לעבן, ווייל, אַ פּנים, דאָס לעבן גופא איז דאָך נאָר דער קאַמף בלויז פון אָט די נאַטור־כוחות . . . די אויפגאַבע נאָר פון קולטור־מענטש איז אָט די כוחות צו קולטיווירן, אין דעם כאַאָס אונזערן אַריינ־ברענגען אַ סדר; מענטשלעכע שעפערישקייט איז, אָט די ליידנשאַפטן און ווילדע תאוה־כוחות פאַרמענדיק צו צוימען, עפּעס דערפון צו מאַכן: גוטס! שיינס! על כל פנים הערואישעס. . .

וואָרים ווער ווייסט וועלכע כוחות אין דער נאַטור זיינען די שטאַרקערע, די גוטע צי די שלעכטע? און ווער ווייסט דען צי די איינע קאָן די צווייטע איבערהויפּט באַזיגן?

און ווער קאָן דאָס וויסן אויב דער מאָמענט פון פאַרשכורטן נצחון איז